STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05964

SOTSIALE PROBLEMEN BAY YIDN IN DER NATSI-EPOKHE

Benjamin Orenstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פריינד און לאנדסמאן מר. אלן
אוהל גאלדבערג און פאמיליע
דער מחבר
ד"ר ב. ארענ...
13/6/64

ד״ר בנימין ארענשטיין

סאָציאַלע פּראָבלעמען ביי יידן אין דער נאַצי-עפּאָכע

ייִדישער קולטור קלוב

מאָנטרעאל • 1964 • קאנאדע

Social Problems of the Jews

in the Nazi epoch

by Dr. BENJAMIN ORENSTEIN

די ארבעט האָט געוווּנען דעם
צווייטן וועלט פּרייז אין אַ קאָנטעסט
פון יידישן וועלט קאָנגרעס אין ניו-יאָרק

אינהאלט

זייט

ארייננפיר — 5

דער ארייננמארש פון די נאציס אין די אייראָפּעישע לענדער — 7

די ווירטשאפטלעכע לאגע ביי יידן אין דער צייט פון די ווין־געביטן, אפענע געטאָס
און פארמאכטע געטאָס — 8

די ווירטשאפטלעכע ראָלע פון קינדער אין דער נאצי־עפּאָכע — 12

די ווירטשאפטלעכע לאגע ביי יידן אין די קליינע געטאָס — 16

די ווירטשאפטלעכע לאגע ביי יידישע פארטיזאנער און וואלד־מענטשן — 18

די ווירטשאפטלעכע לאגע ביי יידן אין די ארבעטס־לאגערן, צוואנגס־ארבעטס־לאגערן
און קאָנצענטראציע־לאגערן — 20

הונגער און שטערבלעכקייט — 23

וויסע־הייזער — 28

סאָציאלע דיפערענצירונגען ביי יידן אין דער נאצי־עפּאָכע — 31

לומפּאָקראטיע — 35

די ראָלע פון דער געטאָ־פּאָליציי אין דער אויסזידלונגס־צייט — 42

אויסנאמען — 44

מאטעריאל קוועלן — 47

סאָציאַלע פּראָבלעמען ביי יידן אין דער נאַצי־עפּאָכע

אַ ר י י נ פ י ר

ביים באַטראַכטן די סאָציאַלע פּראָבלעמען ביי יידן אין דער נאַצי־עפּאָכע דערשיינען אין פאָדערגרונט צוויי קאָמפּלעקסן פראַגן:

1) פון וואָס האָבן יידן געלעבט, און

2) צי זיינען געווען סאָציאַלע דיפערענצירונגען.

די נאַצי מאַכט האָט אַרויסגעגעבן אַ גענעראַלן טויט־אורטייל איבערן אייראָפּעישן יידנטום. זי האָט דאָס געוואָלט דערגרייכן דורך:

א) הונגער,

ב) צורויבן דאָס באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע פאַרמעגן,

ג) איזאָלירן די יידן פון דער אַרומיקער סביבה און פון דער אויסער־לעכער וועלט, און

ד) אויסנוצן די יידישע אַרבעטס־קראַפט איבער די מאַקסימאַלע אָנשטרענ־גונגען, וואָס זאָל דערפירן דאָס יידנטום צו אַ פיזישן אונטערגאַנג.

ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז די יידן זיינען געווען פאַרשפּאַרט אין פאַרמאַכטע געטאָס און אין לאַגערן, וואָס זיינען טאָג און נאַכט באַוואַכט געוואָרן דורך ס.ס.־לייט און זייערע געהילפס־אָרגאַנען, יעדע פאָרם פון פריוואַטן האַנדל און פּראָדוקציע איז געווען פאַרבאָטן אונטער דער דראָאונג פון טויט־שטראָף, דער־שיינען, דעריבער, די פראַגן:

א) ווי אַזוי האָבן זיך יידן פאַרשאַפט לעבנסמיטל, און

ב) צי איז מעגלעך, אַז אין דער צייט פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע און פאָלקס־אומגליק זיינען געווען סאָציאַלע אונטערשידן.

בכדי צו פאַרענטפערן די פראַגן מוז מען פאַנאַנדערגלידערן פאַרשידענע צייט־אָפּשניטן און נעמלעך:

1) דער אַריינמאַרש פון די נאַציס אין די אייראָפּעישע לענדער ביז צום שאַפן פון די געטאָס,

2) די צייט פון די ווינ־געביטן, אָפענע און פאַרמאַכטע געטאָס.

3) די צייט פון די אַרבעטס־לאַגערן, צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגערן און קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן, און

4) די צייט פון די קליינע געטאָס, וואָס זיינען אַנטשטאַנען נאָך די מאַסן שחיטות און סעלעקציעס.

יעדע צייט אָפּשניט האָט געשאַפן פאַר זיך ספּעציפישע באַדינגונגען אין גוראַנגל פאַר דער יידישער עקזיסטענץ און קומט צום אויסדרוק אין פאַרשידענע פאָרמען.

יעדע פּאָליטישע מאַכט מוז האָבן פאַר זיך אַווירטשאַפטלעכע באַזיס. די נאַצי־מאַכט האָט זיך געשטיצט אויף ווירטשאַפטלעכן רויב, שאַפנדיק אַ ווירטשאַפטלעכן כאַאָס. אין דעם ווירטשאַפטלעכן כאַאָס זיינען געקומען צום אויסדרוק פאַרשידענע עלעמענטן און אין דער ערשטער ריי די, וואָס האָבן זיך באַרייכערט אויפן אומגליק און חורבן פון יידישן פאָלק.

דער עלעמענט, וואָס איז אין דער צייט פון דער גרעסטער יידישער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע געקומען צום אויסדרוק אַלס אַדמיניסטראַטיווער און ווירטשאַפטלעכער פאַקטאָר איז באַשטאַנען, מערסטנטייל, פון אונטערוועלט־מענטשן, פון לומפּן, דערפאַר דאַרפן זיי באַצייכנט ווערן אַלס לומפּאָקראַטן.

דער אויסדרוק לומפּאָקראַטן איז אַ צוזאַמענגעזעצט וואָרט פון לומפּן און קראַטיע. לומפּן — באַדייט אָפּפאַל, אין דעם פאַל אָפּפאַל פון דער געזעלשאַפט. קראַטיע — באַדייט הערשאַפט.

דער אויסדרוק לומפּאָקראַטיע דאַרפט מען פאַרשטיין: די הערשאַפט פון לומפּן און די באַצייכענונג לומפּאָקראַטן — הערשער לומפּן.

דער אויסדרוק יידן־ראַטן קען נאָך אַמאָל פאַרשטאַנען ווערן אַ דערוויילטער ראַט פון יידן, וואָס האָט רעפּרעזענטירט און פאַרטיידיקט די יידישע אינטערעסן. אין דער נאַצי צייט איז אַ יידן־ראַט נישט געווען קיין דערוויילטע אינסטיטוציע און דערפאַר נישט רעפּרעזענטירט די יידישע אינטערעסן. דער יידן־ראַט איז נאָמינירט געוואָרן דורך די נאַצי מאַכטהאָבער און געווען פאַראַנטוואָרטלעך אויסשליסלעך פאַר זיי אין אויספירן די נאַצי־באַפעלן. צוליב דעם, איז די אָנגענומענע מיינונג, נישט צו באַנוצן זיך מיט דעם אויסדרוק „יידן־ראַט״, נאָר מיט דעם דייטשן נאָמען „יודענראַט״. אין דער אַרבעט איז דעריבער באַנוצט געוואָרן דער אויסדרוק „יודענראַט״.

די אַרבעט באַטראַכט אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם דעם היסטאָרישן אַספּעקט פון סאָציאַלע פּראָבלעמען ביי יידן אין דער נאַצי־צייט און שטיצט זיך אויף פערזענלעכע אָבסערוואַציעס פון מחבר און זיינען באַגרינדעט מיט ציטאַטן פון דער חורבן־ליטעראַטור.

דער מחבר.

דער אַריינמאַרש פון די נאַציס אין די אייראָפּעישע לענדער

פּאַראַלעל מיט יעדער דייטשער אַרמיי, וואָס האָט אָפּערירט אויף די שלאַכט־פעלדער: אויף דער יבשה, אין דער לופט־פלאָט און ים־פלאָט האָט אין יעדן אָקופּירטן לאַנד, דורך די נאַציס, אָפּערירט אַן אַרמיי פאַר ווירטשאַפטלעכן רויב און יידן־פאַרניכטונג.

די דייטשע אַדמיניסטראַטיווע און ווירטשאַפטלעכע פאַקטאָרן זיינען באַשטאַנען פון ספּעציעל אויסגעשולטע, צו דעם צוועק, מיליטער־לייט פון פאַרשידענע פאַר־מאַציעס: ס.ס. (שטורם־שטאַפּעטן), ס.א. (שטורם־אָפּטיילונגען), „געסטאַפּאָ" (געהיימע שטאַטס־פּאָליציי), „שופּאָ" (שוץ־פּאָליציי), „קריפּאָ" (קרימינאַל־פּאָליציי), „זאָנדער־דינסט" (ס.ד.), „אַרבעטס־דינסט", „ווערט־ערפאַסונגס־שטעלע", „טראַנספּער־שטעלע", האַנדלס און אינדוסטריע־קאַמערן, פאַרשידענע פאָרמאַציעס פּאָליציי פאַר אינדוסטריע־וועזן, באַנק־וועזן, קאָמוניקאַציע־וועזן, וואָס האָבן זיך גערופן: „ווערק־שוץ", „באַנק־שוץ" און „באַן־שוץ".

די אויסגערעכנטע פאָרמאַציעס דאָס זיינען געווען די אָרגאַנען פון דער נאַצי־מאַכט, וואָס האָבן אויסגעפירט די באַפעלן פון דער היטלער־רעגירונג, וואָס זיינען זיי איבערגעגעבן געוואָרן דורך די נאָמינירטע מאַכט־הערשער ווי: גענעראַל־גובערנאַטאָרן, קרייז־הויפּטמענער, שטאַט־הויפּטמענער און שטאַט־קאָמענדאַנטן.

צוגלייך מיט די עקזיסטירנדע דייטשע מאַכט־אינסטאַנצן און אויספיר־אָרגאַנען פון דער נאַצי־מאַכט זיינען אין אַ גאַנצע רייע אָקופּירטע לענדער נאָמינירט געוואָרן נאַציאָנאַלע רעגירונגען. די נאָמינירטע נאַציאָנאַלע רעגירונגען מיט זייערע אויספיר אָרגאַנען זיינען באַשטאַנען פון פּראָ־היטלעריסטישע עלעמענטן און זייער אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין אויספירן די באַפעלן פון דער נאַצי־מאַכט. די פעלקער האָבן באַטראַכט די רעגירונגען אַלס פאָלקס־פיינטלעכע און פאַרעטערישע, ווייל זיי האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון אַן אָקופּאַציע־מאַכט, וואָס דערדריקט מיט בלוט און פייער יעדע פרייהייטס־באַוועגונג, רויבט אויס דעם נאַציאָנאַלן און פּריוואַטן באַזיץ, צעשטערנדיק דערמיט דאָס ווירטשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע לעבן.

אויב די פּראָ־היטלעריסטישע נאַציאָנאַלע רעגירונגען, אין די אָקופּירטע לענדער, זיינען דורך די פעלקער באַטראַכט געוואָרן אַלס פאָלקס־פיינטלעכע און פאַרעטערישע זיינען די יידישע מאַכט אָרגאַנען אין די געטאָס, דער פּראָדוקט פון דער טייוולאָ־נישער נאַצי־מאַכט, אַ טרויעריק קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע.

די ערשטע ווירטשאַפטלעכע דיסקרימינאַציעס פון דער נאַצי־מאַכט האָט געצילט צו באַרויבן דאָס יידישע אומבאַוועגלעכע און באַוועגלעכע פאַרמעגן.

די נאַצי מאַכט האָט צוגענומען די יידישע הייזער דורך אַ יורידישן היפּאָטעק „דריידל" און די אייגנטימער פון די הייזער האָבן, אַפילו פאַר זייערע אייגענע וווינונגען געמוזט צאָלן דירה־געלט.

די יידישע באַנק־קאָנטעס זיינען „פאַרפרוירן" געוואָרן און קיין שום ייד האָט נישט געקענט דיספּאָנירן מיט זיינע געלט רעזערוון, וואָס ער האָט געהאַט אין די בענק.

אין אַלע גרעסערע פאַבריקס און האַנדלס־אונטערנעמונגען זיינען אַריינגעזעצט געוואָרן קאָמיסאַרן, וואָס זיינען באַשטאַנען, מערסטנטייל, פון פאָלקס־דייטשן. עס איז אַרויס אַ פאַרבאָט צו פּראָדוצירן לעדער און טעקסטיל אויסאַרבעטונגען. גלייכצייטיק איז פאָרגעקומען אַן עפנטלעכער מאַסן־רויב פון כלומרשט קאָנפיסקאַציעס פון אַלערליי סחורות, וואַלוטע און מעבל. די ערשטע רויב־אַקטן זיינען געווען אונטערן דעק־מאַנטל פון געזעצלעכקייט און די באַרויבטע האָבן באַקומען באַשייניקונגען.

די דייטשע ווירקלעכקייט האָט זיך גלייך געלאָזט דערפילן. די דייטשן האָבן באַטראַכט די באַזיגטע פעלקער, אין דער ערשטער רייע יידן, אַלס מינדערווערטיקע ווּעזנס, וועמענס לעבן און מאַטעריעלער באַזיץ איז הפקר. ביי די ווייטערדיקע קאָנפיסקאַציעס זיינען די יידישע אייגנטימער געצוווּנגען געוואָרן אליין אָנצולאָדן די מיליטערישע לאַסט־אויטאָס און אָנשטאָט באַקומען באַשייניקונגען זיינען זיי צעשלאָגן און צעמַמיתט געוואָרן.

אַלע לוין אַרבעטער: פאַבריקס־אַרבעטער, האַנדלס און ביוראָ־אָנגעשטעלטע ווי אויך פּראָפעסיאָנאַלן פון פרייע באַרופן און קינסטלער האָבן פאַרלוירן זייערע אַרבעטס־פּאָזיציעס און געבליבן אָן מיטלען צום לעבן.

אָן אויסנאָם זיינען געווען די דאָקטוירים און די אָנגעשטעלטע אין די שפּיטאָלן. צוליב די פּילצאָליקע פאַרווונדעטע און קראַנקע אויף עפּידעמישע קראַנקהייטן זיינען זיי געווען איבערגעלאָדנט מיט אַרבעט.

די „רעזערוו־אַרמיי״ פון די לוין־אַרבעטער, וואָס האָבן פאַרלוירן יעדע ווירט־שאַפטלעכע באַזיס און עקזיסטענץ מעגלעכקייט, זיינען געווען די ערשטע געכאַפּט צו ווערן צו אומבאַלוינטע צוואַנגס־אַרבעט און אויסצושטיין אַלע נאַצי פּייניקונגען.

דער אַריינמאַרש פון די נאַציס אין די אייראָפּעישע לענדער האָט זיך אָנגע־הויבן מיט אויסרויבן דעם יידישן מאַטעריעלן באַזיץ און צווינגען די יידן אויסצופירן צוואַנגס־אַרבעט.

די ווירטשאַפטלעכע לאַגע ביי יידן אין דער צייט פון די ווין־געביטן, אָפענע געטאָס און פאַרמאַכטע געטאָס

דער אונטערשיד פון ווין־געביטן, אָפענע געטאָס און פאַרמאַכטע געטאָס איז פאָלגנדער:

1) אין דער צייט פון די ווין־געביטן האָבן יידן זיך געקענט באַנוצן מיט אַלע האַנדלס־מערק, האָבן האַנדלס באַציאונגען מיט דער אַרישער באַפעלקערונג, די יידישע דאָרפס־הענדלער האָבן געקענט פירן אַן אויסטויש האַנדל מיט די פּויערים, באַנוצן זיך מיט די אייזן־באַן, באַזיצן קלענערע געשעפטן, פירן קלענערע פּראָדוציר אונטערנעמונגען: האַנדווערקעריי און כאַלופּניקעריי. (אַ האַנדווערקער איז דער, וואָס אַרבעט אויס סחורות פון אייגענע רוי־שטאָפן און אַ כאַלופּניק — פון אָנפאַר־טרויטע (קאָנטראַקטינג).

2) אין דער צייט פון די אָפענע געטאָס איז פאַר יידן געווען פאַרבאָטן צו האָבן האַנדלס באַציאונגען מיט נישט־יידן, פאַר די דאָרפס־הענדלער איז געווען פאַרבאָטן צו קומען אין די דערפער און דאָס באַנוצן זיך מיט דער אייזן־באַן איז געווען דערלויבט, אויסשליסלעך, אויף ספּעציעלע דערלויבענישן, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין זעלטענע פאַלן.

3) אין דער צייט פון די פאַרמאַכטע געטאָס איז פאַר יידן געווען פאַרבאָטן צו פאַרלאָזן דאָס געגעבענע געטאָ אונטער דער דראָונג פון טויט־שטראָף, פאַר פירן האַנדלס באַציאונגען מיט נישט יידן האָט געדראָט טויט־שטראָף, פאַר פירן אַ שמוגל־האַנדל — טויט־שטראָף, פאַר פאָרן מיט דער אייזן־באַן — טויט־שטראָף. אויב אין די צייטן פון די ווין־געביטן און אָפענע געטאָס האָט, פאַר נישט טראָגן דעם „שאַנד־צייכן", געדראָט זעקס חדשים תפיסה איז אין די פאַרמאַכטע געטאָס די שטראָף געווען טויט. אויב אין די ווין־געביטן און אָפענע געטאָס האָט נאָך ווער געקענט חלומען וועגן פאַשריפטן און געזעצן זיינען די אילוזיעס אין די פאַרמאַכטע געטאָס צערונען געוואָרן. דאָס יידישע לעבן און פאַרמעגן איז געוואָרן פולשטענדיק הפקר און נישט אונטערליגן קיין שום געזעצגעבונג.

די פאַרמאַכטע געטאָס, דאָס איז די עפּאָכע פון דער יידן־פאַרניכטונג. צוערשט אינדיווידועלע און גרופּן דערשיסונגען און נאָכער די מאַסן־מאָרדן דורך אויסזידלונגען צו די טויט־לאַגערן.

ווין-געביטן און אָפענע געטאָס

אין דער צייט פון די ווין־געביטן און אָפענע געטאָס איז פאָרגעקומען אַ ווירטשאַפטלעכע ירידה אין יידישן לעבן. די יידישע אינדוסטריעלער און גרויסהענדלער זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע אונטערנעמונגען, די לוין־אַרבעטער, האַנדלס און ביוראָ אָנגעשטעלטע ווי אויך באַשעפטיקטע אין די פרייע באַרופן האָבן פאַרלוירן זייערע אַרבעטס־פּאָזיציעס.

דער הונגער און נויט האָט אַלעמען געטריבן אויף דער גאַס צו פאַרקויפן דעם לעצטן מלבוש, בכדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט איבערצולעבן דעם טאָג.

ט. טיקאָטשינסקי כאַראַקטעריזירט די סיטואַציע אין פאָלגנדע ווערטער: „אין רוב יידישע שטובן האָט גענומען הערשן נויט און הונגער, איז ווי נאָר איינער האָט געקענט האָט ער זיך געראַטעוועט. אַזאַ רעטונג האָט מען אָממייסטן געזוכט אין דער קליידער שאַנק און פון דעם שפּעטער האָבן אויף אַ טאָג עסן. ס'איז געגאַנגען אַן אויסטויש פון מעבל, מלבושים, שוכוואַרג און צירונג אויף ברויט. ס'איז געוואָרן ביי יידן אַן אויספאַרקויף אויפן גרויסן מאַסשטאַב". 1)

ווען די יודענראַטן האָבן איבערגענומען דאָס צושטעלן די אומבאַלוינטע צוואַנגס־אַרבעטער און די כאַפּעניש פון די דייטשן האָט אַ ביסל אויפגעהערט, (די גאַנצע צייט האָבן דייטשן געכאַפּט יידן אויף די גאַסן, אָבער נישט אין אַזאַ פאַרנעם ווי פריער), האָבן יידן אין געראַנגל פאַר עקזיסטענץ זיך אָנגעהויבן אַריינצוגלידערן אין דער נייער ווירטשאַפטלעכער טראַגישער ווירקלעכקייט.

צו יעדער פּראָדוקציע איז נויטיק געווען רוי־שטאָפן, וואָס יידן האָבן נישט געהאַט. צום באַקן ברויט איז נויטיק געווען מעל, פּראָדוצירן מאַרמעלאַדע — צוקער. די אַרטיקלען און אויך אַלע אַנדערע איז נישט מעגלעך געווען צו באַקומען אויפן נאַרמאַלן וועג. דאָס אַלץ האָט מען געמוזט קויפן אויף אַן אומלעגאַלן האַנדלס־וועג און אַריינשמוגלען אויף דעם באַשטימטן אָרט, דערביי זיך אויסהיטן פאַר אַ דייטשיש אויג, וואָס האָט געקענט צונעמען די סחורה, אַרעסטירן און דערשיסן דעם שמוגלער.

פאַרמאַכטע געטאָס

דער ציל פון דער נאַצי־מאַכט איז געווען פאָלגנדער:

1) איזאָלירן די יידן פון דער אינדוסטריע און האַנדל.

2) איזאָלירן די יידן פון דער געגעבענער לאַנדעס באַפעלקערונג, בכדי נישט צו באַאיינפלוסן צו אַ ווידערשטאַנד קעגן די נאַצי דיסקרימינאַציעס.

3) פיזיש און גייסטיק דעגראַדירן די יידן אַלס מינדערוועריקע וועזנס.

4) קאָנצענטרירן די יידן אויף באַשטימטע ערטער, בכדי לייכטער צו האָבן די מעגלעכקייט זיי אויסצורויבן, פּאָגראָמירן, אויסנוצן די אַרבעטס־קראַפט און לסוף אויסמאָרדן.

די נאַצי מאַכט האָט איינגעפירט די פאַרמאַכטע געטאָס, בכדי די יידן זאָלן ווירטשאַפטלעך און פיזיש אונטערגיין.

אין קעגנזאַץ צו די צילן פון דער נאַצי־מאַכט האָבן די יידן אין די פאַרמאַכטע געטאָס געקעמפט פאַרן קיום דורך פאַרשידענע מעגלעכע און אוממעגלעכע וועגן.

עס האָבן זיך אויסגעבילדעט צוויי טיפן לעבנסמיטל שמוגלערס:

1) פּראָדוקטן שמוגלער, און

2) סחורה שמוגלערס.

א) יעדע זאַך, וואָס דינט פאַרן אייגענעם געברויך, הייסט פּראָדוקט.

ב) יעדע זאַך, וואָס דינט פאַרן פאַרקויף, הייסט סחורה.

די פּראָדוקטן שמוגלערס זיינען באַשטאַנען פון אָרעמע שיכטן, וואָס האָבן געפירט דעם שמוגל, בכדי איבערצולעבן דעם טאָג מיט זייערע משפּחות. צווישן זיי זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אַ טייל פון די פּראָדוקטן אַליין קאָנסומירט און די אַנדערע טייל פאַרקויפט, בכדי צו האָבן פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן צו פירן דעם פּראָדוקטן שמוגל.

די סחורה שמוגלערס זיינען באַשטאַנען פון געטאָ מאַכט־פאַקטאָרן, געטאָ פּאָליציסטן, „געסטאַפּאָ״ אַגענטן, די אַזוי גערופענע „געטאָ־אַריסטאָקראַטיע״, וואָס האָט איבערגעקויפט דייטשע וואַכמענער און געפירט אַ שמוגל־האַנדל אין

גרויסן מאַסשטאַב, דערביי באַזאָרגט די פאַרמאַכטע געטאָס מיט די נויטיקסטע לעבנסמיטל פאַר קאָנסומציע און פראָדוקציע.

די ווירטשאַפטלעכע ראָלע פון די שמוגלערס אין די פאַרמאַכטע געטאָס קומט צום אויסדרוק אין אינזשיניער ה. ראָזען׳ס ענטפער אויף ד״ר רינגעלבלום׳ס אַנקעטע. ער דערקלערט: „דער שמוגלער וואַקסט שיעור נישט אויס... אין אַ מלאך מושיע. מיר לעבן בזכות פון די שמוגלער״. 2)

ד״ר הלל זיידמאַן דערקלערט, אַז „דער ענין „שמוגל״ איז אין געטאָ אַ וויכטיק קאַפּיטל. כדאי זיך אָפּצושטעלן דערויף. כדאי צו פאַרצייכענען לזכר. ווארום אין דעם דאָזיקן, געוויינלעך נישט־דערהויבענעם פאַך האָט זיך קאָנצענטרירט אַ סך העראָיזם. און די שמוגלערס האָבן דערפילט אַ וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבע, נישט ווייניקער, וואָלט איך געזאָגט, ווי די אַלע סאָציאַלע אינסטיטוציעס, הגם זיי האָבן געטאָן זייער אַרבעט נישט צוליב אידעאַליזם, נאָר כדי צו פאַרדינען אויף זייער ברויט. אָן זיי וואָלט דער הונגער געווען אַ תל געמאַכט פון אַלע״. 3)

אברהם לעווין שרייבט וועגן שמוגל האַנדל, אַז וויפל יידישע קרבנות דער שמוגל האָט שוין איינגעשלונגען און דאָך בליט ער און אַנטוויקלט זיך אַלץ מער און מער. אַפילו דער שאָטן פון טויט איז נישט אימשטאַנד אים צו דערשטיקן. 4)

אין די פאַרמאַכטע געטאָס איז געווען נאָך אַ פאָרם פון לעבנסמיטל שמוגל. די אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין די צוואַנגס־אַרבעטס־באַטאַליאָנען אויסערן געטאָ און געקומען אין קאָנטאַקט, אויף די אַרבעטס־פּלעצער, מיט אַרבעטער פון דער לאַנדעס באַפעלקערונג פלעגן מיט זיך מיטנעמען פאַרשידענע קליידער אָדער וועש און איינטוישן אויף לעבנסמיטל. זייער שמוגל איז שוין געווען אַ דאָפּלטער. אַרויסשמוגלען זאַכן פון פאַרמאַכטן געטאָ און אַריינשמוגלען לעבנסמיטל.

אין דער צייט פון דער נאַצי עפּאָכע איז דער ציל פון געטאָ יידנטום געווען „איבערהאַלטן״ די טראַגישע צייט און דערלעבן די היטלעריסטישע מפּלה. דערמיט דערקלערט זיך אויך, אַז די יידישע ארבעטס־קראַפט איז געווען די קוואַליפיצירסטע און די ביליקסטע. דער יידישער אַרבעטער האָט זיך באַנוגנט מיט אַ טרוקן שטיקל שוואַרץ ברויט מיט אַ זופּ. (די גרעסטע מערהייט האָט דאָס אויך נישט געהאַט). די אַרישע אינדוסטריעלער, וואָס האָבן אָנגענומען גרויסע באַשטעלונגען פאַרן דייטשן מיליטער האָבן דורך פאַרשידענע פאַרמיטלער אויסגעפירט זייערע אַרבעטן אין די געטאָס. עס זיינען אויך געווען יידישע „געסטאַפּאָ״ לייט, וואָס זיינען געשטאַנען אין נאָענטע באַציאונגען מיט די דייטשע ווירטשאַפטלעכע פאַקטאָרן און אַליין אָנגענומען באַשטעלונגען מיט רוי־שטאָפן אויסצופירן אין די פאַרמאַכטע געטאָס. אויך די דייטשע אינדוסטריעלער האָבן אויסגענוצט די יידישע אַרבעטס־קראַפט, כמעט אומזיסט, און איינגעאָרדנט פאַבריקן אין די געטאָס און אויסער די געטאָס.

אין לאָדזש זיינען געווען 107 רעסאָרטן און 25 אָפּטיילונגען.

אין די הויפּט אינדוסטריען זיינען געווען באַשעפטיקט:

טעקסטיל — 30,631 לעדער — 12,354, האָלץ — 4,569, מעטאַל — 5,251, פּאַפּיר — 1,089. צוזאַמען 53,894 יידישע אַרבעטער. די אַלגעמיינע צאָל באַשעפטיקטע אין אַלע רעסאָרטן און אָפּטיילונגען ביזן סוף פון יאָר 1943 איז געווען 73,782. פרויען 43,346 און מענער 30,436. די גאַנצע לאָדזשער פּראָדוקציע אין געווען אונטער דער דייטשער קאָנטראָל דורך האַנס ביבאָוו. 5)

אין וואַרשעווער געטאָ איז דאָס געווען אַ ביסל אַנדערש. אַ טייל פון דער פּראָדוקציע איז געווען אונטער דער קאָנטראָל פון דער דייטשער טראַנספער שטעלע און אַ טייל דורך פּאַרשידענע פּריוואַט פּאַרמיטלער.

די הויפּט אינדוסטריעס אין וואַרשעווער געטאָ זיינען געווען: באַקליידונג, מעבל (צווייגאָרנדיקע בעטן, שענק, טישן, בענקלעך פאַר מיליטערישע צוועקן) באַרשטן, מעטאַל און טאַפּיצעריי. גלייכצייטיק איז פאָרגעקומען אַן אָפּקויף פון אַלטע זאַכן צום איבערפּראָדוצירן אויף רוי שטאָפן. דער אָפיציעלער אויפקויף, באַשטימט דורך דער דייטשער מאַכט, איז באַשטאַנען פון שמאַטעס, מעטאַל־שמעלץ, גלאָז־ברוך, פוך און פעדערן. ביי דער געלעגנהייט האָבן שוין יידן אויך אויפגעקויפט מאַקולאַטור, ביינער, מאַטראַצן און וואַלדהאָר, קלאַפּערס, קוישן און באַמבוס־שטעקנס ווי אויך אַלטע זייגערלעך. די זאַכן פון אומאָפיציעלן אויפקויף איז פאַרנוצט געוואָרן פאַר פּראָדוקציע צוועקן, ווי צום ביישפּיל: פאַר טאַפּיצעריי און בערשטנ־מאַכעריי, וואָס האָט געשפּילט אַ אַנגעזעענע ראָלע אין וואַרשעווער געטאָ. 6)

אין די געטאָס זיינען צוגעקומען נייע פאַכן פאַר יידן און נעמלעך: קוימענקערער, נאַכט־וועכטער, הויז־וועכטער און גאַסן־קערער.

צוויי פון די נייע פּראָפעסיעס (הויז־וועכטער און גאַסן־קערער) זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלס די לייכטסטע און בכבודיקסטע, דעריבער זיינען ביי די אַרבעטן באַשעפטיקט געוואָרן פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן: רבנים, דינים, שוחטים, אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן און קינסטלער.

נישט געקוקט אויף דעם ווירטשאַפטלעכן געראַנגל, וואָס דאָס געטאָ יידנטום האָט געפירט, דאָך האָט דער הונגער, קעלט און נויט געהערשט מיט אַן אומבאַגרענעצטער קראַפט, פאַראורזאַכנדיק א מאַסן־שטערבלעכקייט פון הונגער און עפּידעמישע קראַנקהייטן.

די ווירטשאַפטלעכע ראָלע פון קינדער אין דער נאַצי־עפּאָכע

מיטן אַריינמאַרש פון דער נאַצי־מאַכט אין די אייראָפּעישע לענדער האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן פאַרפאָלגונגען. די ערשטע פאַרפאָלגונגען זיינען געווען כאַפּן דערוואַקסענע מענער און פרויען צו צוואַנגס־אַרבעט און טראָגן שאַנד־צייכנס.

צוליב די פאַרפאָלגונגען האָבן די דערוואַקסענע יידן אויסגעמיטן זיך צו באַווייזן אויף די גאַסן און די פונקציעס פון באַשפּייזן די פאַמיליעס איז אַריבער צו די מינדעריעריקע קינדער, וואָס זיינען נישט געווען פאַרפליכטעט צו טראָגן שאַנד־צייכנס און נישט אונטערליגן די פאַראָרדנונג געכאַפּט צו ווערן צו צוואַנגס־אַרבעט.

די ווירטשאַפטלעכע פונקציעס פון די קינדער דריקט זיך אויס אין פינף פאָרמען:

1) שטוב־פאַרזאָרגונג,
2) גאַסן־האַנדל,
3) שמוגל־האַנדל,
4) בעטלעריי, און
5) כאַפעריי.

שטוב־פאַרזאָרגונג

בכדי צו באַקומען דאָס ברויט אויף די לעבנסמיטל־קאַרטן פלעגט מען דאַרפן אָפּשטיין גאַנצע נעכט אין די רייען. אין די פרימאָרגן שעה׳ן האָבן זיך די דער־וואַקסענע געמוזט היטן זיי זאָלן נישט געכאַפּט ווערן צו צוואַנגס־אַרבעט. עס פלעגט אָפט געשען, אַז די דערוואַקסענע זיינען אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט און אין דער לעצטער מינוט אַוועק מיט גאָרנישט, ווייל עס איז געוואָרן אַן אָבלאַווע און נאָכדעם איז שוין נישט געווען קיין ברויט.

יורעק ערנער, אַ 14־יאָריק יינגל, דערציילט פאָלגנדעס: „נאָך ברויט האָט מען געמוזט זיך שטעלן אין דער ריי צוויי אַ זייגער ביינאַכט, וואַרטן ביז 6־7 אינדערפרי און פון עטלעכע טויזנט מענטשן האָבן באַקומען בלויז עטלעכע הונדערט. איך בין געווען מער פיפיק, האָב איך זיך ווי עס איז דערשלאָגן, אָבער דער טאַטע און די שוועסטער פלעגן שטיין, שטיין און גאָרנישט״. 7)

גאַסן־האַנדל

יאַנקאַ וואַרשאַווסקאַ, אַ מיידעלע פון קראָקעווער געטאָ, דערקלערט אין איר גבית־עדות פאָלגנדעס: „אַלע האָבן זיך דאָרט גענומען צום האַנדל, האָב איך אויך געהאַנדלט. אַ ברירה האָב איך געהאַט? מיר האָבן נישט געהאַט פונוואַנען צו לעבן אין געטאָ און איך האָב געמוזט זיין די פאַרזאָרגעריך. האַנדלען פלעג איך אַרומגיין מיט דער עלטערער שוועסטער האַלינע. זי איז דעמאָלט אַלט געווען 12 יאָר און איך דאָס עלפטע״. 8)

שמוגל־האַנדל

מיטן מאָמענט ווען די געטאָס זיינען פאַרמאַכט געוואָרן האָבן די קינדער אָנגעהויבן אַריינצושמוגלען לעבנסמיטל פון דער אַרישער זייט אין די געטאָס. די קינדער אַלס שפּייזער פון זייערע עלטערן האָבן דערמיט ריזיקירט מיטן לעבן און אַ סך פון זיי זיינען אומגעקומען.

יאַנאָס טורקאָוו איז ביי דער מיינונג, אַז די מסירת־נפשדיקייט פון די קינדער צו דערנערן זייערע עלטערן און פאַמיליעס איז געווען אַ העלדישקייט. ער שרייבט: שטאַרק אויסגעצייכנט ביים שמוגל האָבן זיך די יידישע קינדערלעך. זיי האָבן זיך אַרויסבאַקומען אויף דער אַרישער זייט און פון דאָרט אַריינגעבראַכט אין געטאָ ברויט, מעל און קאַרטאָפל, מיט וועלכע די דאָזיקע נאָמענלאָזע העלדן האָבן זיך

אויסגעבעט און אַריינגעשמוגלט אין געטאָ אַריין. הונדערטער קינדער זיינען בעת דער דאָזיקער אַרבעט געפאַלן פון אַ דייטשער קויל״. 9)

יעקב פּאַט שרייבט וועגן צוויי קינדער שמוגלער: הענעך און ברוך, וואָס האָבן געשמוגלט בולבעס און סאַכאַרין: „צען בולבעס האָט מען געלאָזן פאַר דער מאַמען. זיי זיינען געלאָפן אַהיים מיט קעשענעס געלט און בולבעס. פינף בולבעס הענעך, און פינף בולבעס ברוך,ביידע גלייך. דאָס געלט האָט געהאַלטן ברוך, ווייל ער איז דער עלטערער״.10)

ד״ר הלל זיידמאַן שרייבט, אַז דאָס אינטערעסאַנטסטע און צוגלייך טרויעריקסטע קאַפּיטל איז געווען דער שמוגל, וועלכן ס׳האָבן אויסגעפירט די קינדער, קליינע קינדער פון 6, 7, 8 יאָר, מיט שמאָלע אויסגעדאַרטע קערפּערלעך, האָבן זיך דורכ־געשטופּט דורך די ענגע שפּאַרעס פון די געטאָ־מויערן, דורך די לעכער פונעם וואַסער־אָפּפלוס און — זיך אַרויסבאַקומען אויף דער אַרישער זייט. דאָרט האָבן זיי פאַר אייניקע צענדליק זלאָטעס איינגעקויפט אַ ביסל לעבנסמיטל, ס׳רוב קאַרטאָפל, אַ ברויט א.ד.גל. און דאַן האָבן זיי, באַלאָדן אונטער די קליידער מיט דער דאָזיקער „סחורה״, זיך געדרייט אַזוי לאַנג ביי איינעם פון די טויערן פון די געטאָ־מויערן (ווארום מיט דער „סחורה״ האָבן זיי זיך שוין נישט געקענט מער דורכשטופּן דורך די ענגע שפּאַרעס), ביז די דייטשע וואַך האָט זיך פאַרקוקט, און — דאַן זיינען זיי שנעל דורכגעלאָפן דורכן טויער און זיך געפונען ווידער אין געטאָ״. „די דאָזיקע קליינע קינדער שמוגלער־סוחרים זיינען געווען זייער קלוג. זיינען געהאַדעוועט געוואָרן אין שווערער און סכנות׳פולער אַרבעט, האָבן זיך אויסגעשאַרפט די מוחות אין קאָמפּליצירטן משא־מתן פון די געטאָ געשעפטן״. „אַ סך זיינען געפאַלן אין דעם דאָזיקן שווערן געראַנגל. געפאַלן אַלס העלדן, אין געטריישאַפט פאַר זייערע נאָענטע, אין ליבשאַפט פאַר משפחה, און אַ סך מאָל געהאָלפן אויך סתם יידן מיט אַ שטיקל ברויט. זייער העלדנטום איז נישט ווייניקער ווירדיק ווי יעדעס אַנדערע אין געטאָ און בכלל, הגם זיי האָבן קיין אויסצייכענונג נישט באַקומען. און זיי וואָלטן אויך דעם דאָזיקן קאַמף געוווּנען, ווען נישט די מאַסן־שחיטות, וואָס האָבן געבראָכן יעדן ווידערשטאַנד. 11)

ב ע ט ל ע ר י י

עס זיינען געווען קינדער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו לערנען אין אַ שולע, ווייל ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן זיינען זיי געווען אין פאַרשול־עלטער און האָבן נישט געקענט ציילן און נישט רעכענען, אַזוי ווי די גרויסע 10־11 יאָריקע קינדער. די נויט האָט זיי, דעריבער, געצוווּנגען צו פאַרנעמען זיך מיט בעטלעריי. דאָס בעטלען איז פאַרגעקומען אין פאַרשידענע פאָרמען: אויף די גאַסן, אויף די האַנדלס־פּלעצער, גיין איבער די שטובן און וועגן אַ מערקווירדיקן פאַל שרייבט בערנאַרד גאָלדשטיין וועגן אַ 9־יאָריק בעטלער יינגל, וואָס האָט געבעטלט אין די טראַמוואַיען. מען האָט אים גערופן מאָניעקל „טראַמוואַיאַזש״. 12)

כ אַ פּ ע ר י י

דאָס בעטלען איז נישט געווען קיין דערפאָלגרייכע פרנסה, דעריבער האָט זיך אויסגעבילדעט אַ נייע שיכט פון — כאַפּערס. זיי פלעגן הויפּטזעכלעך כאַפּן

שפייז און גלייך אויפעסן אויפן אָרט. אין וואַרשעווער געטאָ איז דאָס כאַפּעריי געווען אַ טאָג־טעגלעכע מאַסן־דערשיינונג. די געטאָ־פּאָליציי האָט געפירט אַ דערפאָלגלאָזן, פאַרביטערטן קאַמף מיט די כאַפּערס. אַנשטאָט געבן די פאַרהונגערטע קינדער עפּעס צו עסן און אויף אַ דערציערישן אופן באַקעמפן דאָס כאַפּן, האָט די געטאָ פּאָליציי אָנגעווענדעט די מעטאָדע פון שלאָגן מיט גומי שטעקנס, אָבער דאָס האָט נישט געזעטיקט דעם הונגער פון די קינדער־כאַפּערס. דאָס שלאָגן האָט געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג. די כאַפּערס האָבן זיך צוגעוווינט צו די שמיץ און קלעפּ פאַרן פרייז פון שטילן דעם הונגער אויף אַ פּאָר שעה. 13)

בערנאַרד גאָלדשטיין אַלס עד ראיה באַשרייבט פאָלגנדן עפּיזאָד: „אַ געלויף, קולות, געשרייען: „כאַפּט אים!...“ אַ באָרוועסער ייִנגל אין שמאַטעס. זיינע פּעך שוואַרצע, ברודיקע פיס טאַפּטשען אין בלאָטע, פאַרטשעפּען זיך אָן אַ ליגנדיקן מת; ער פאַלט אַנידער, האַלט אין האַנט אַ ברויטל און גריזשעט אים מיט די לעצטע כוחות; דער אייגנטימער פון ברויטל רייסט זיך מיט אים, ווייל אַרויסבאַקומען דאָס ברויטל, וואָס איז אים אַזוי שווער אָנגעקומען צו קריגן און וואָס איז איצט באַגריזשעט, פאַרשמוצט מיט שפּייעכץ פונעם „כאַפּער“, אפשר נאָך אַ טיפּוס־אָנגעשטעקטער דערצו. אַ ספּעציעלע קאַטעגאָריע „כאַפּערס“ איז דאָס געווען — יענע, וואָס האָבן אין זייער פאַרצווייפלונג און הונגער־אַנגסטן נאָך פאַרמאָגט אַ ביסל כח און דרייסטקייט צו ברעכן דעם הייליקן געזעץ פון אייגנטום רעכט אויף... אַ שטיקל ברויט. מען פלעגט זיי מערדערלעך שלאָגן — סיי די באַרויבטע, סיי די פּאָליציי, אָבער אויסראָטן די „כאַפּערס“ איז געווען אוממעגלעך, פּונקט ווי אויסראָטן דעם הונגער“. 14)

אויסזידלונגען

מיטן אָנהויב פון די אויסזידלונגען האָט זיך טראַגיש פאַרענדיקט די ווירט־שאַפטלעכע ראָלע פון די קינדער. די ערשטע פאַרניכטונגס־פיילן זיינען געווען געווענדעט קעגן די קינדער און מאַכטלאָז זיינען זיי געוואָרן אין דער פאַרניכ־טונגס־עפּאָכע.

בערנאַרד גאָלדשטיין שרייבט: „און אַזוי ווי די היצלעס נאָך הינט האָט די פּאָליציי זיך געיאָגט נאָך די קינדער אויף די גאַסן און אַריינגעשליידערט אין די קאַסטנס“. 15)

רבקה קוויאַטקאָווסקאַ כאַראַקטעריזירט די קינדער פון לאָדזשער געטאָ בעת דער אויסזידלונג: „נעבן די עלטערן פאַרלוירן און דערשראָקן האָבן זיך געפּלאָנטערט די מיט נסים אויסבאַהאַלטענע קינדער. שטום און דערשראָקן זיינען זיי נאָכגע־גאַנגען זייערע טאַטע־מאַמעס. אין זויבערע אָנצוגלעך, ריין אָפּגעוואַשענע און צוגע־קעמט, מיט קליינע האַלץ־שיך אויף די פיסעלעך. אויף די פאַרציטערטע, פאַר־קלעמטע אין שרעק קינדישע הערצלעך זיינען געהאַנגען צוגעטשעפּעט קליינע טאָוועלעך מיט אַדרעסן און פאַמיליע־נעמען. אויפגעטרייסלטע און פאַרלוירענע האָבן זיי געקלאַמערט אין זייערע הענט, ווי זיי וואָלטן געפילט דאָס גרויסע אומגליק, וואָס קומט אָן“. 16)

די ווירטשאַפטלעכע לאַגע ביי יידן אין די קליינע געטאָס

נאָך די אַלגעמיינע שחיטות פון אייראָפּעישן יידנטום זיינען אַנטשטאַנען קליינע געטאָס. די קליינע צאָל לעבנגעבליבענע יידן זיינען, מערסטנטייל, באַשטאַנען פון יינגע, אַרבעטספעאיקע מענטשן, וואָס די נאַצי מאַכט האָט באַטראַכט אַלס אומזיסטע אַרבעטס־קראַפט.

די יידן אין די קליינע געטאָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט פאַראיינזאַמטע צווייגלעך פון צעשטערטן פאָלקס־בוים און לעבעדיקע עדות פון די נאַצישע מאַסן־מאָרדן און רויב טאַטן.

די יידן אין די קליינע געטאָס האָבן זיך נישט געמאַכט קיין אילוזיעס וועגן די פאַרברעכערישע צילן פון דער נאַצי־מאַכט. כמעט אַלע האָבן געוווסט, אַז די נאַצי־מאַכט צילט אויסצונוצן די יידישע אַרבעטס־קראַפט און נאָכדעם אויסמאָרדן די קליינע רעשטלעך יידן עס זאָלן נישט בלייבן קיין עדות פון די גרויל־טאַטן.

עס זיינען אַנטשטאַנען דריי שטרעמונגען:

1) באַוואפנטער קאַמף קעגן דער נאַצי־מאַכט,
2) לעבן מיטן טאָג, און
3) רעזיגנירטע, וואָס נעמען אויף גלייכגילטיק דעם פאָלקס־גורל.

די אָנהענגער פון דער צווייטער שטרעמונג, וואָס האָבן זיך געריכט מיט דער טעזע פון לעבן מיטן טאָג, האָבן זיך שנעל אַריינגעפּאַסט אין די נייע ווירט־שאַפטלעכע באַדינגונגען, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין „פּאַסעווען" און „שאַבערווען".

פ א ס ע ו ו ע ן

אין יעדן קליינעם געטאָ זיינען געווען גרופּן יידן, וואָס האָבן געאַרבעט ביים הפקר געוואָרענעם פאַרמעגן פון די דערמאָרדעטע יידן פון די גרויסע געטאָס. זיי האָבן סאָרטירט די זאַכן אין גרויסע מאַגאַזינען און נאָכדעם זיינען די זאַכן אַוועק־געשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד.

די אַרבעטער פלעגן מיט זיך מיטנעמען זאַכן און אַריינשמוגלען אין די קליינע געטאָס.

דאָס נעמען אַזעלכע זאַכן איז אָנגערופן געוואָרן „פּאַסעווען" און די נעמערס „פּאַסאָווניקעס". עס זיינען אויך געווען אַנדערע באַצייכענונגען. אין שאַולער (ליטע) געטאָ האָט מען פּאַסעווען אָנגערופן „לאַבערן".17)

די פּאַסאָווניקעס פלעגן די געפּאַסעוועטע זאַכן פאַרקויפן אין די קליינע געטאָס צו די יידן, וואָס האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט אַרבעטער פון דער לאַנדעס באַפעלקערונג. די יידישע אַרבעטער פלעגן אַרויסשמוגלען די זאַכן צו זייערע אַרבעטס־פלעצער און פאַרקויפן, אָדער איינטוישן אויף לעבנסמיטל ביי די אַרישע

אַרבעטער און נאָכדעם אַריינשמוגלען דאָס לעבנסמיטל אין די קליינע געטאָס. אין קאַמף פאַר זעלבסטדערהאַלטונג איז פאָרגעקומען אַ רינג־שמוגל.

דאָס פאַסעווען זאַכן איז געווען דורך די דייטשן פאַרבאָטן אונטער דער דראָונג פון טויט־שטראָף. עס זיינען געווען אַ סך פאַלן, וואָס פאַסאָוויניקעס זיינען דורך די דייטשן דערשאָסן געוואָרן.

שאַבראָווען

עס זיינען געווען יידן, וואָס פלעגן זיך אַריינרייסן אין וווינונגען פון אויסגע־זידלטע יידן און צונעמען די ווערטפולסטע זאַכן. דאָס איז אָנגערופן געוואָרן „שאַברעווען" און די אויספירער „שאַבראָווניקעס".

אין דער עטיק פון די קליינע געטאָס איז דאָס פאַסעווען געווען טאָלערירט, ווייל די דייטשן האָבן נישט באַלוינט פאַר דער אַרבעט, דערפאַר איז דאָס באַטראַכט געוואָרן ווי נעמען אַליין דעם לוין. די פאַסאָווניקעס פלעגן אויך אויסהאַלטן זייערע משפחה־מיטגלידער, פריינט, באַקאַנטע און זיך באַשטייערן פאַר דער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג. דאָס שאַברעווען, דאַקעגן, איז באַטראַכט געוואָרן פאַר רויב, ווייל די שאַבראָווניקעס פלעגן דאָס טאָן פאַר פערזענלעכער באַרייכערונג, דערביי זיינען זיי מאָראַליש שטאַרק געזונקען. 18)

עס איז אויך געווען אַ צווייטע פאָרם פון שאַברעווען, וואָס האָט געטראָגן אַ אידעישן און געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. דאָס איז געווען אין דער צייט פון אויפשטאַנדן און ווידערשטאַנדן אין די קליינע געטאָס. אין די בונקערס פון די קעמפערס פלעגט אויספעלן לעבנסמיטל, וואַסער, מעדיקאַמענטן און אויך קאָלדרעס (דעקן) צו באַשיצן פון קעלט, דעריבער פלעגן דעלעגירט ווערן מיטגלידער פון די קאַמפס־אָרגאַניזאַציעס צו באַזאָרגן די נויטווענדיקע זאַכן. דער אופן פון שאַברעווען האָט געטראָגן אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער און געדינט פאַרן קאָלעקטיוון נוצן. 19)

ד"ר הלל זיידמאַן גיט איבער אַ מערקווירדיקן און אַן אייגנאַרטיקן עפּיזאָד וועגן אַ קיבוץ פון רעליגיעזע בחורים אונטער דער השגחה פון הרב יהודה לייב פּראַמער. ער דערקלערט: „זיי לערנען אויף מילע 14, אייגנטלעך אונטער מילע 14, ווייל זייער „בונקער" געפינט זיך טיף אונטער דער ערד. האָט זיך אויסגעלאָזט ביי זיי דאָס לעבנסמיטל. שוין אַ וואָך צייט ווי עס איז אומרואיק אין געטאָ, גייען זיי נישט אַרויס בייטאָג. זיי זיינען דאָך „ווילדע", זיי באַזיצן דאָך נישט קיין „נומערן", האָבן זיי מורא אַרויסצוגיין בייטאָג. גייען זיי אַרויס אינמיטן דער נאַכט זוכן שפּייז. זיי גייען אין פאַרלאָזטע, אויסגעליידיקטע יידישע הייזער. די איינוווינער, וועלכע זיינען דעפּאָרטירט, האָבן זייער אָפט איבערגעלאָזט אין זייערע וווינונגען שפּייז־רעזערוון, מעל, קאַרטאָפל, קאַשע א.ד.גל. ווילן זיי זוכה זיין מן ההפקר". „אין דעם קיבוץ זיינען דאָ 19 בחורים. יעדע נאַכט גייען אַרויס צוויי אָדער דריי אַנדערע גרופּן צו דריי, זוכן עסן פאַר אַלע. דאָס איז דאָס איינציקע מיטל נישט אויסצוגיין פון הונגער". 20)

אין דער געטאָ טערמינאָלאָגיע האָט דער אויסדרוק: „ווילדע" באַדייט, אַזעלכע וואָס האָבן נישט געאַרבעט אויף קיין שום אַרבעטס־פּלאַץ. זיי זיינען אין ערגעץ

נישט געווען רעגיסטרירט און דעריבער נישט געקענט באַקומען קיין לעבנסמיטל־קאַרטן. זיי האָבן געמוזט פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף צו פאַרשאַפן זיך לעבנסמיטל נישט צו שטאַרבן פון הונגער. די „ווילדע" האָבן סאַבאָטאַזשירט אַלע נאַצי באַפעלן פון צוואנגס־אַרבעט און רעגיסטראַציעס. דאָס אַליין פאַר זיך איז געווען אַ קאַמף קעגן דער נאַצי־מאַכט.

דער אויסדרוק שאַברעווען קען נישט באַנוצט ווערן אַלס אַ באַגריף פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער, נאָר דאַרפט איינגעטיילט ווערן אין צוויי פאָרמען:

1) שאַברעווען — רויב פאַר פערזענלעכער באַרייכערונג.

2) שאַברעווען — אָרגאַניזירן מאַטעריעלע מיטלען פאַרן קאָלעקטיוון געברויך און געזעלשאַפטלעכן נוצן.

די ווירטשאַפטלעכע לאַגע ביי יידישע פאַרטיזאַנער און וואַלד-מענטשן

דער באַגריף יידישע פאַרטיזאַנער אין דער נאַצי־עפּאָכע באַדייט באַוואָפנטע קעמפער אין יידישע אָדער אינטערנאַציאָנאַלע אָטריאַדן צום קאַמף קעגן דער נאַצי־מאַכט, דורך סאַבאָטאַזש, טעראָר און דיווערסיע אַקטן, צעשטערן די אָנגריפס און פאַרטיידיקונגס־קראַפט פון דער היטלער אַרמיי.

אונטערן אויסדרוק וואלד־מענטשן דאַרף מען פאַרשטיין — אומבאַוואָפנטע יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער אין דער צייט פון דער נאַצי עפּאָכע.

פ אַ ר ט י ז אַ נ ע ר

אויסער די אַלגעמיינע קאַמפס־אויפגאַבן פון די יידישע פאַרטיזאַנער איז אויך געווען די פראַגע פון באַווירטשאַפטונג.

בכדי צו פאַרשאַפן לעבנסמיטל פלעגן די פאַרטיזאַנער אַדורכפירן אָרגאַניזירטע אַקציעס:

א) אין גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע גיטער פון וועלכע די היטלעריסטן האָבן פאַרטריבן די לעגאַלע אייגנטימער און די לאַנדווירטשאַפטן זיינען געווען אין דייטשע הענט.

ב) אַדורכפירנדיק אַקציעס אויף די שאָסעען אויף דייטשע טראַנספּאָרטן, צונעמען נישט נאָר געווער, נאָר אויך לעבנסמיטל און באַקליידונג.

ג) צונעמען אין די דערפער, ביי די פויערים, די לעבנסמיטל קאָנטינגענטן וואָס זיי האָבן באַדאַרפט צושטעלן פאַר די דייטשן.

פון דער לעבנס־געשיכטע פון דער פאַרטיזאַנערין לאַלאַ ראַק, דערוויסט מען זיך, אַז זי האָט געהערט צו די קאַמפס־גרופּן פון יידישן פאַרטיזאַנער קאָמענדאַנט טוביה ביעלסקי. די צאָל קעמפער איז באַשטאַנען פון דריי טויזנט יידן. זיי זיינען

איינגעטיילט געווארן אין צוויי אַטריאַדן: א) 1,500 אין דער נאַליבקער פושטשע און ב) 1,500 אין די געביטן באַראַנאָוויטש־לידע. עס איז ווערטלעך געשריבן: „דאָס באַווירטשאַפטן און פאַרפלעגן די גרויסע צאָל פּאַרטיזאַנער איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך. עס קלינגט מער ווי אַ פאַנטאַזיע אַז ביי די אומנאַטירלעכע באַדינגונגען האָט דער פּאַרטיזאַנער אינזש. כמיעלניצקי פון וואַרשע אָרגאַניזירט אַ גאַנצע נעץ פון אונטערנעמונגען: אַ מיל, בעקעריי, וורשט־פאַבריק, גאַרבעריי, שניידעריי און שוסטעריי וואַרשטאַטן, און אויך אַ וואַרשטאַט פון רימער־אַרבעטן. 21)

פון יעווועל חפץ לעבנס־געשיכטע, פּאַרטיזאַן פון טוביה ביעלסקיס קאַמפּס־גרופּן, דערוויסט מען זיך, אַז זיי האָבן אויך איבערגענומען די שוץ און זאָרג איבער 300 פרויען, 200 קינדער און 20 עלטערע רעליגיעזע יידן, צווישן וועלכע עס איז געווען דער 68־יאָריקער וואָראַנאָווער חזן־שוחט, הערש קאַנאַפּקין, מיט זיין פרוי און קינדער. עס איז דאָרט געשריבן, אַז דאָס לעבן אין וואַלד אין די אוממענטשלעכע באַדינגונגען האָט פאַראורזאַכט עפּידעמיעס און אַנדערע קראַנקהייטן. די דריי פּאַרטיזאַנער דאָקטוירים: איסלער, הירש און יאַקובאָוויטש האָבן זיך באַשעפטיקט מיט היילן די קראַנקע. די פּאַרטיזאַנער האָבן דורך פאַרשידענע מיטלען אַרויס־באַקומען פון די אַפּטייקן די נויטיקע מעדיקאַמענטן. עס איז מער ווי מערקווירדיק, אַז דער וואָראַנאָווער חזן־שוחט האָט אין אַ זעמליאַנקע אין וואַלד, איינגעאָרדנט אַ שול צום דאַווענען, געשאָכטן פלייש אויף כשר, געבאַקן מצות און דערטיילט חופּה וקדושין כדת משה וישראל. ער האָט דורכגעפירט אַ ברית־מילה איבער אַ ניי געבוירן קינד. 22)

וואַלד־מענטשן

אויב די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך פאַרשאַפט לעבנסמיטל דורך פאַרשידענע קאַמפּס־מעטאָדן איז די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די וואַלד־מענטשן געווען אַ טרויעריקע. זיי זיינען געווען אומבאַוואָפנט, אַנטלאָפענע פון די היטלעריסטישע שחיטות, בכדי אָפּצוראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן אין די וועלדער באַהעלטעניש. זיי זיינען געווען קליינע גרופּן און האָבן נישט געהאַט קיין פאַרבינדונגען מיט די אָרגאַניזירטע פּאַרטיזאַנער אַטריאַדן, דערביי האָבן זיי נישט געהאַט קיין מעגלעכ־קייטן, מיט ליידיקע הענט, אויסצופירן קאַמפּס־אַקציעס. די מערהייט פון די וואַלד מענטשן האָבן געהאַט קליינע קינדערלעך, דערפאַר האָבן זיי נישט געקענט וואַנדערן איבער די גרויסע וועלדער, אַנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט די אָרגאַניזירטע פּאַרטי־זאַנער. זיי פלעגן, דעריבער, אין די נעכט אַרומגיין אין די נאָענטע דערפער און בעטלען ביי די פּויערים אַ ביסל לעבנסמיטל. די פּויערים פלעגן געבן צוליב רחמנות און אויך צוליב מורא.

די פּויערים וואָס האָבן געגעבן צוליב רחמנות האָבן געהערט צו פאַרשידענע רעליגיעזע סעקטעס ווי צום ביישפּיל: באַפּטיסטן, אדוועטיסטן, ביבל־פאָרשער און האָבן דאָס באַטראַכט פאַר אַ מצוה. די אַנדערע פּויערים האָבן געגעבן אויס מורא, אַז די וואַלד מענטשן קענען צוליב אַן אָפּזאָג אונטערצינדן זייערע הייזער. 23)

דער קאַמף ביי די פּאַרטיזאַנער און וואַלד־מענטשן ביים באַשאַפן לעבנסמיטל איז געווען אַ געראַנגל צווישן לעבן און טויט.

די ווירטשאַפטלעכע לאַגע ביי יידן אין די אַרבעטס־לאַגערן, צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגערן און קאָנצענטראַציע־לאַגערן

„לאַגער — באַדייט: הונגער, קאַטאָרגע אַרבעטן,
פייניקונגען, מאַטערניש, קרענקען און טויט".

אַדוואָקאַט שמעון גאָטעסמאַן.

טיפּן פון לאַגערן

דער אונטערשיד פון אַרבעטס־לאַגערן, צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגערן און קאָנצענטראַציע־לאַגערן איז פאָלגנדער.

1) אין לאַגערן ווו עס האָט פאַרוואַלטעט אַ ציווילע פאַבריקס־אַדמיניסטראַציע מיט אַן אויפזיכטס־אַפּאַראַט פון די לאַגערניקעס, דערביי זיינען די לאַגערניקעס יעדן שבת נאָך דער אַרבעט אַהיימגעשיקט געוואָרן אין די געטאָס ביז זונטיק ביינאַכט, אָדער מאָנטיק אינדערפרי — זיינען אַרבעטס־לאַגערן.

אַזעלכע אַרבעטס־לאַגערן האָבן עקזיסטירט ביז דער ליקווידאַציע פון די גרויסע געטאָס.

2) אין לאַגערן, ווו עס האָט פאַרוואַלטעט אַ ציווילע פאַבריקס־אַדמיניסטראַציע מיט אַן אויפזיכטס־אַפּאַראַט פון די לאַגערניקעס, דערביי איז אויך געווען אַ באַוואָפנטער, אוניפאָרמירטער אָרגאַן פון ווערקשוצן און די לאַגערניקעס זיינען נישט געשיקט געוואָרן אַהיים אין די געטאָס, אין די פרייע אַרבעטס־טעג, זיינען צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגערן.

3) אין לאַגערן, ווו עס האָט פאַרוואַלטעט אַ ציווילע פאַבריקס־אַדמיניסטראַציע מיט אַן אויפזיכטס־אַפּאַראַט פון די לאַגערניקעס, דערביי איז געווען אַ באַוואָפנטער, אוניפאָרמירטער אָרגאַן פון ווערקשוצן, ווי אויך אַן אויפזיכטס־אינסטאַנץ פון ס.ס., ס.א., אָדער ס.ד.־לייט און די לאַגערניקעס זיינען באַטראַכט געוואָרן פאַר אַרעסטאַנטן (העפטלינגען) זיינען — קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

די קאָנצענטראַציע־לאַגערן דאַרפט מען איינטיילן אין פיר טיפּן:

א) אָן קרעמאַטאָריעס; ב) מיט קרעמאַטאָריעס; ג) מיט גאַז־אויוונס, און ד) מיט גאַז־אויוונס און מיט קרעמאַטאָריעס.

די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אויסגערעכנטע אין די פונקטן ג) און ד) זיינען געווען טויט־לאַגערן.

די פאַרשידענע טיפּן לאַגערן דאַרפט מען אויך אונטערשיידן לויט די שטראָפן און קליידונג.

אַרבעטס־לאַגערן

1) אינדיווידועלער אָדער קאָלעקטיווער פאַרבאַט פון אַהיימגיין אין געטאָ. 2) צונע־

מען די ברויט צוטיילונג אויף עטלעכע טעג. 3) עפנטלעך שמייעסן מיט אַ גומי־שטעקן. 4) שטראָף אַרבעט. 5) אין זעלטענע פאַלן דערשיסונגען. די ערשטע פיר שטראָפן פלעגן אויספירן די אינערלעכע אויפזיכטס־אָרגאַנען. די פינפטע שטראָף, דערשיסונגען, פלעגן אויספירן ספּעציעל געקומענע זשאַנדאַרן.

די קליידונג איז געווען אַ ציווילע.

צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגערן

1) נאַכט שטראָף־אַפּעלן. 2) שמייסן מיט לעדערנע שפּיצרוטן, אינעווייניק געפלאָכטן מיט דראָט. 3) שטראָף־אַרבעט. 4) בונקער־שטראָף (אַרעסט). 5) אָפטע פאַלן פון דערשיסונגען.

די קליידונג איז געווען אַ ציווילע.

קאָנצענטראַציע־לאַגערן אָן קרעמאַטאָריעס (טיפּ „א״)

1) בייזוויליקע פּייניקונגען ביי דער אַרבעט. 2) שטראָף־אַפּעלן בייטאָג און ביינאַכט. 3) מערדערלעך שלאָגן און שמייסן. 4) בונקער־אַרעסט. 5) שטראָף־איבונגען. 6) סעלעקציעס — אינדיווידועלע דערשיסונגען און מאַסן דעפּאָרטאַציעס.

די קליידונג איז געווען אַ ציווילע מיט שערלאַק באַצייכענונגען. די צייכנס זיינען געווען פאַרשידענע און נעמלעך: אַ X אויף די פּלייצעס, ווערטיקאַלע שטריכן אויף דער ברוסט, פּלייצעס און אויף די קניען פון די הויזן. דער פּאָפּולערסטער צייכן איז געווען „ק.ל.״. די צייכנס זיינען אויסגעטייטשט געוואָרן: „ק.ל.״ — „קאָנצענטראַציע־לאַגער״, אָדער „קיין לעבן״. דער צייכן און די ווערטיקאַלע שטריכן, אַלס צייכן פון דער אנגעהעריקייט צום געגעבענעם לאַגער. אויסער דעם האָט יעדער לאַגערניק געטראָגן אויף דער ברוסט א מעטאַלענעם נומער. 24)

י. הירשהויט האָט איבערגעגעבן וועגן א מערקווירדיקן צייכן „פּלוס״ אין וואַרשעווער פּאַוויאַק, וואָס האָט באַדייט, אז דער ייד, וואָס טראָגט דעם צייכן איז אויסגעשטראָכן פון די ליסטע פון די אַרעסטאַנטן און ער געהערט שוין נישט צו דער לעבעדיקער וועלט. 25)

קאָנצענטראַציע־לאַגערן מיט קרעמאַטאָריעס (טיפּ „ב״)

1) סאַדיסטישע פּייניקונגען ביי דער אַרבעט און אין די וווין־בלאָקן. 2) פּייניקונגס־אַפּעלן. 3) שטראָף־איבונגען. 4) בונקער־שטראָפן. 5) שלאָגן מיט העלצער, דרענגער און אייזנס ביז טויט און נאָכדעם פאַרברענען אין קרעמאַטאָריום. 6) קאָלעקטיווע שטראָפן פון צונעמען די קאָלדרעס (דעקן) אין פראָסטיקע נעכט און די לאַגערניקעס זיינען געשלאָפן אָן צודעקן אין אומבאַהייצטע באַראַקן. 7) עפנטלעכע עקזעקוציעס דורך הענגען, און 8) אָפטע סעלעקציעס. די קליידונג איז באַשטאַנען פון פּאַשאַקעס, אַרעסטאַנטן קליידער, מיט לייוונטענע נומערן אויף דער ברוסט, ווי אויך רויטע ווינקלען. די האָר, סיי ביי מענער, סיי ביי פרויען, זיינען אָפּגעשוירן געוואָרן.

קאָנצענטראַציע־לאַגערן מיט גאַז־אויוונס (טיפּ „ג״ און טיפּ „ד״)

גאַז־אויוונס מיט קרעמאַטאָריומס (טויט־לאַגערן)

1) ווילדעסטע מאַמענטאַלע מאַסן־מאָרדן דורך פאַרגאַזן און פאַרברענען. 2) בהדרגה׳דיקע טויטונג דורך הונגער, קעלט, מערדערלעך שלאָגן, שווערע אַרבעט, קראַנקהייטן און עקספּערימענטן. 3) סאַדיסטישע פּייניקונגען ביי דער אַרבעט און אין די וווינונגס־בלאָקן. 4) סאַדיסטישע פּייניקונגען ביז טויט דורך דערשטיקן, דערטרינקען און פאַרפרירן. 5) בונקער פּייניקונקען. 6) פּייניקונגס אַפּעלן און אַפּטע סעלעקציעס.

די קליידונג איז באַשטאַנען פון פּאַשאַקעס, אַרעסטאַנטן קליידער, מיט לייוונ־טענע נומערן אויף דער ברוסט, ווי אויך רויטע ווינקלען. די האָר, סיי ביי מענער, סיי ביי פרויען, זיינען אָפּגעשוירן געוואָרן.

דיווירטשאַפטלעכע לאַגע אין די לאַגערן

אַרבעטס־לאַגערן

די לאַגערניקעס אין די אַרבעטס־לאַגערן פלעגן אַ ביסל צוהאַנדלען. זיי פלעגן מיטנעמען פון געטאָ זאַכן צום פאַרקויפן, אָדער איינטוישן אויף לעבנסמיטל ביי אַריער מיט וועלכע זיי זיינען געקומען אין קאָנטאַקט. אַ ביסל פון לעבנסמיטל אַליין קאָנסומירט און דאָס איבעריקע ברענגען אין געטאָ.

צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגערן און קאָנצענטראַציע־לאַגערן (טיפּ „א״)

די לאַגערניקעס פון די צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגערן און קאָנצענטראַציע־לאַגערן טיפּ „א״ האָבן, אין מערסטנטייל, קיין דירעקטן קאָנטאַקט מיט די געטאָס נישט געהאַט. דאָס איז געווען די צייט 1942־1943, ווען די גרויסע געטאָס זיינען ליקווידירט געוואָרן און די מערהייט יידן זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן.

די לאַגערניקעס־פּאַכלייט אין גערעאַנגל פאַר דער עקזיסטענץ פלעגן אַרבעטן פאַר אַריער מיט וועלכע זיי זיינען געקומען אין קאָנטאַקט. מענער האָבן זיך באַשעפּ־טיקט מיט שניידעריי, שוסטעריי, היטלמאַכעריי, זייגערמאַכעריי און מעטאַל־גאַלאַנ־טעריע. יחידים האָבן זיך פאַרנומען מיט וואַלוטע־טוישן. פרויען האָבן זיך באַשעפּ־טיקט מיט האַנט־שטריקעריי און נייעריי.

קאָנצענטראַציע־לאַגערן (טיפּן „ב״, „ג״ און „ד״)

די לאַגערניקעס אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן טיפּן „ב״ „ג״ און „ד״ זיינען געווען אָנגעוויזן, אויסשליסלעך, אויף די הונגער שפּייז צוטיילונגען. יעדע קלענסטע איבערשטרייטונג איז באַדראָט געווען מיט טויט־שטראָף. די לאַגערניקעס, וואָס האָבן געאַרבעט ביים סאָרטירן די זאַכן פון די אָנגעקומענע טראַנספּאָרטן צום אומקום פלעגן אין די פּעקלעך געפינען שפּייז. דערמיט פלעגן זיי זיך, אין געהיים,

דערנערן, ווייל דאָס איז אויך געווען פאַרבאָטן. די לאַגערניקעס זיינען אָנגערופן געוואָרן „קאַנאַדער״ (סימבאָל פון לעבנסמיטל). 26

אַלע איבעריקע לאַגערניקעס זיינען אויסגעצאַנגען פון הונגער, פּייניקונגען און שווערע אַרבעט. מען האָט זיי גערופן מוסולמענער (סימבאָל פון אויסגעדאַרטקייט).

די מוסולמענער זיינען געווען די קרבנות ביי די אָפטע סעלעקציעס.

הונגער און שטערבלעכקייט

„טובים היו חללי — חרב מחללי רעב״.
„בעסער איז די דערשלאָגענע פון שווערד, ווי די דערשלאָגענע פון הונגער״.
(איכה ד. ט.)

ג ע ט אָ ס

די פאַרמעלע באַזיס פון לעבנסמיטל אין די געטאָס זיינען געווען די ראַציאָנירטע צוטיילונגען פון דער דייטשער מאַכט. די פּראָצעדור איז געווען, אַז יעדער יודענראַט האָט באַקומען די לעבנסמיטל צוטיילונג פאַר דעם געגעבענעם געטאָ צום פאַנאַנדערטיילן.

די לעבנסמיטל צוטיילונגען, וואָס די דייטשן האָבן געגעבן פאַר יידן האָט נישט אַנטהאַלטן די נויטווענדיקסטע צאָל קאַלאָריעס, וואָס זאָל דערהאַלטן דעם גלייכגעוויכט פון אָרגאַניזם און האָט פריער, אָדער שפּעטער, דערפירט די געטאָ יידן צום הונגער־טויט.

די הונגער לעבנסמיטל צוטיילונגען האָבן די יידן אין די געטאָס אויך נישט באַקומען, ווייל די יודענראַטן האָבן געבאַלעבאַטעוועט, אַזוי ווי זיי האָבן פאַרשטאַנען און געוואָלט.

די יודענראַטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז צוערשט דאַרפט מען איבערקויפן די נאַצי־מערדער, דערנאָך פאַר זיך מאַכן בכבודיקע צוטיילונגען, ווי אויך פאַר אַלע „יוצר־משרתים״ און דאָס איבעריקע, ווען עס איז שוין קאַליע געוואָרן, פאַנאַנדערטיילן פאַר דער געטאָ־באַפעלקערונג.

די פאַקטן קומען בולט צום אויסדרוק אין ישראל טאַבאַקסבלאַט׳ס בוך וועגן דער אַפּראָוויזאַציע ווירטשאַפט אין לאָדזשער געטאָ. „פוילקייט, אומגעלומפּערטקייט געמישט מיט רשעות, רויב ווירטשאַפט, הפקרות — דאָס אַלץ צוזאַמען גיט נאָך נישט דעם מינדעסטן באַגריף, וועגן דעם, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג. ווען אַלע האָבן געהונגערט, נישט סתם געזאָגט „געהונגערט״, נאָר פאַרפלייצט דעם בית־עלמין מיט מתים, געשוואָלענע פון הונגער, האָט מען אין די מיליאָנען קילאָ קאַרטאָפל און גרינוואַרג באַגראָבן אויף די פעלדער צוליב פוילעניש. מען האָט געפירט אַ רויב ווירטשאַפט, טיילנדיק אויף רעכטס און לינקס אין די טויזנטער קילאָ פּראָדוקטן פאַר אייגענע און באַקאַנטע״. „עס האָט נישט געהאָלפן קיין פּראָטעסטן, אַפילו נישט קיין שטרייקן און אַלץ דערפאַר, ווייל די שפּיצן האָבן אַזוי געוואָלט״. 27

יוסף גאר שרייבט וועגן קאָוונע: „ברויט איז געווען אַ יקר־המציאות, וואָס זעלטן־וועד פון די געטאָ־יידן האָט געקענט זיך דערלויבן עס צו עסן כאָטש אויף אַ העלפט צו זאַט. פּאַרפּאַרענע, צעפּוילטע קאַרטאָפל און אַפילו קאַרטאָפל־שאָלעכץ איז ביי די געטאָ־יידן אויך געווען אַ גרויסער יש". 28)

טאַניאַ פוקס שרייבט: „אויפן וועג קיין מאָהילעוו, ביים ברוקירן די שאָסייען, אַרבעטן יידישע יונגעלייט, נאַקעטע, באָרוועסע, הונגעריקע, אויסגעצערטע האַלב־סקעלעטן. עמיצער האָט זיך מרחם געווען און פונם אויטאָ מיט וועלכן מען איז אַדורכגעפאָרן נעבן אַ גרופּע פון אַזעלכע אַרבעטער, אַרויסגעוואָרפן אַ ברויט. די יינגלעך האָבן זיך געוואָרפן אויף דעם ברויט ווי ווילדע חיות, ווי הינט געריסן איינער ביים אַנדערן, געביסן ביים אַנדערן פון די הענט". 29)

ד"ר הלל זיידמאַן האָט אין זיין „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ" געשריבן: „כ'פאַרשטיי שוין איצט דעם כוח פון הונגער. נישט מעגלעך אים מסביר זיין מיט ווערטער. דער גרעסטער שרייבער וועט עס נישט באַוויזן. אויך נאָכן איבער־לייענען קנוט האַמסונס „הונגער", אָדער פונקס „מיך הונגערט", האָב איך אים נישט פאַרשטאַנען אַזוי ווי היינט ווען כ'האָב אַליין געהונגערט..." 30)

אַ קינד, יורעק גאָלדמאַן, פון וואַרשעווער געטאָ, האָט באַליינט פאָלגנדן גבית־עדות: „אַ געוויסע מוטער, געדענק איך, איז איינמאָל געזעסן אויף דער גאַס מיט צוויי קינדער. איינס האָט זי געהאַלטן אויף די הענט אַ טויטס און דאָס צווייטע איז געלעגן ביי דער זייט און געגוססט". 31)

וועגן אַ שוידערלעכן אויפטרייסלענדן פאַקט שרייבט יאַנאַס טורקאָוו וועגן אַ יידישער פרוי אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָט געגעסן דאָס פלייש פון איר אייגן פאַרשטאָרבן קינד. וועגן דעם שרעקלעכן פאַל האָט די יידישע געטאָ־פּאָליציי פונעם צוועלפטן ראַיאָן כלאָדנע 15 געמאַכט פאָלגנדן פּראָטאָקאָל: „פעסטשטעלונג. דערמיט שטעלן מיר פעסט, אַז אויפן הויף פון דעם אויפזעער פון 12־טן ראַיאָן, ה' גינזבארג, האָט די פרוי אורמאַן רבקה, אַלט 30 יאָר, וווינט קראָכמאַלנע 13, אויפגעגעסן די הינטערטייל פון איר טויט קינד בערעק אורמאַן, אין וואָס די מוטער איז זיך אָפן מודה געווען, אַז זי האָט עס געטאָן.

מיטגלידער פון אָרדנונגסדינסט:

גרופּע־פירער 1345 — 2־טער ראַיאָן
גרופּע־פירער 393 — 2־טער ראַיאָן
(—) הויזפאָרזיצער: טוראַווער
(—) סעקרעטאַרן (נישט לייענבאַר)
קרייזלער פון 12־טן ראַיאָן 393 —
(—) גינזבאַרג". 32

צריין שרייבט וועגן אַ מערקווירדיקן עפּיזאָד וועגן איינפּלוס פון הונגער, וואָס האָט פּאַסירט אין טשענסטאָכאָווער געטאָ אַ טאָג פאַר דער אויסזידלונג צום טויט קיין טרעבלינקע. „די יידישע פּאָליציי איז אַרומגעלאָפן איבער די הייזער און אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיך „צוגרייטן" אויף מאָרגן. מען זאָל גיין אָפּנעמען די פּאָרציע ברויט מיט טיי אַלס „רייזע פּראָוויאַנט". פון אַלע הייזער האָבן זיך די צום

טויט־פאַרמשפּטע, פון הונגער און דורשט ווילד־געוואָרענע מאַסע געלאָפן צום פאַרפלעגונגס־פונקט אויפן אַלטן מאַרק. שוואַכע פון הונגער זיינען אויפן וועג אומגעפאַלן, אָבער קיינער האָט זיך וועגן זיי נישט געקימערט, די איבעריקע זיינען איבער זייערע קערפּערס געלאָפן מיט צעשויבערטע האָר, מיט ווילד אויפגעלאָפענע, פון שלאָפלאָזע נעכט, רויט־געוואָרענע, צעשראָקענע אויגן. פון די אויף דער ערד ליגנדע האַלב פאַרחלשטע יידן האָבן זיך געהערט ווייטאָקדיקע קרעכצן, אָבער קיינער האָט אויף זיי קיין אַכט געלייגט. אַן עלטערער ייד האָט אויסגערופן: יידן, וואָס לויפט איר אַזוי, מאָרגן גייען מיר דאָך סיי ווי סיי צום טויט". אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרן און עס איז געקומען דער ענטפער: „מיר קענען נישט צוקוקן צום צער פון אונדזערע הונגערנדע קינדער, די שווערד פון הונגער איז ערגער פון דער שווערד פון טויט". 33)

אַן אַנדערן מערקווירדיקן עפּיזאָד לייענען מיר אין בוך וועגן אָטוואָצקער געטאָ: „דער אָטוואָצקער רב און אַ גאַנצע רייע חסידים זיינען געוועזן באַהאַלטן. נאָך אַ פּאָר טעג באַהעלטעניש האָבן זיי איינגעזען די צוועקלאָזיקייט פון ליידן הונגער און נויט, מאָראַלישע און פיזישע יסורים, האָבן זיי זיך דעמאָנסטראַטיוו אָנגעטאָן אין ווייסע קיטלען, קאַפּעלעך אויף די קעפּ און איינגעהילט אין טליתים פרייוויליק זיך געמעלדן אויף דער יידישער פּאָליציי צום דערשיסן". 34)

ד"ר עמנואל רינגעלבלום האָט אַדורכגעפירט אַן אַנקעטע אין וואַרשעווער געטאָ און אין רעזולטאַט דערפון איז ער געקומען צום אויספיר, אַז דער דורכשניט־לעכער קאָנסומציע פאַרברויך איז געוועזן 1,125 קאַלאָריעס אַ טאָג פּאָר אַ ייד אין געטאָ. די אַנקעטע נעמט אַרום 10 גרופּן און די נידעריקסטע גרופּע האָט נאָר קאָנסומירט 784 קאַלאָריעס טעגלעך. 35)

מען דאַרפט נעמען אין באַטראַכט, אַז דער נאָרמאַלער קאָנסומציע פאַרברויך פון א שווער ארבעטער דאַרף זיין צווישן 2,500 און 3,000 קאַלאָריעס א טאָג.

דער כסדר'דיקער אונטערדערנערונגס פּראָצעס, אַנטי־סאַניטאַרע באַדינגונגען, מאַסן קוואַרטירן, שלעכטע באַקליידונג, האָבן פאַראורזאַכט אַ גאַנצע רייע קראַנק־הייטן פון עפּידעמישן מאַסן־כאַראַקטער. די הויפּט קראַנקהייטן זיינען געוועזן: פלעק־טיפוס, בויך־טיפוס, פּאַראַ־טיפוס, לונגען־אָנצינדונגען, טובערקולאָז, מאָגן־קאַטאַר, דעזינטעריע, בלוט דעזינטעריע און שקארבוט.

אויסער די אַלגעמיינע אינערלעכע קראַנקהייטן זיינען געווען אַ גאַנצע רייע הויט־קראַנקהייטן. די גרעסטע פּלאָג זיינען געווען טשיראַקעס און שוויעזשבעס.

שטערבלעכקייט

דער רעזולטאַט פון הונגער און עפּידעמישע קראַנקהייטן האָט פאַראורזאַכט אַ מאַסן־שטערבלעכקייט. אין לאָדזשער געטאָ זיינען געשטאָרבן:

אין יאָר 1940 — 6,851 יידן
אין יאָר 1941 — 11,437 יידן
אין יאָר 1942 — 18,020 יידן
אין יאָר 1943 — 4,561 יידן

די שטערבלעכקייט אין יאָר 1942 איז דערגאַנגען צו דער קאַטאַסטראָפאַלער ציפער פון 25 פּראָצענט, דאָס הייסט, אַז אויף יעדע טויזנט יידן זיינען אין לאָדזשער געטאָ, אין יאָר 1942, געשטאָרבן 250 יידן. 36)

די ציפער פון 25 פּראָצענט דאַרפט אָנגענומען ווערען מיט רעזערוון, ווייל פאַקטיש איז זי געווען פיל גרעסער. דאָס דרינגט אַרויס פון פאָלגנדע פאַקטן. אין יאָר 1942 זיינען פון לאָדזשער געטאָ אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד 18,338 יידן פון וועלכע די גרעסטע מערהייט איז אויסגעשטאַרבן און אומגעקומען. 70,877 יידן זיינען אויסגעזידלט געוואָרן צום אומקום. פון דער איבערגעבליבענער צאָל יידן אין לאָדזשער געטאָ, 73,766, זיינען געשטאָרבן 18,020. ווען מען זאָל נעמען אין באַטראַכט די אַלע ציפערן, וועט זיך דער פּראָצענט־זאַץ העכערן אויף איבער דרייסיק.

מלך נוישטאַדט שרייבט: „אין וואַרשע אַליין זיינען אין פאַרלויף פון 1941־טן יאָר אויסגעשטאָרבן פון הונגער און אַנשטעקנדע קראַנקהייטן — 6 טויזנט יידן יעדן חודש“. 37)

ווען מען זאָל נעמען אין באַטראַכט, אַז אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען אַ האַלב מיליאָן יידן און, אַז די שטערבלעכקייט איז געווען 6 טויזנט אַ חודש, דאָס הייסט אַ יאָר 6 מאָל 12 — 72 טויזנט, קומט מען צום פּראָצענט־זאַץ 14.4.

לאַגערן

דער זעלבער אומיושרדיקער סיסטעם פון די יודענראַטן ביים פאַנאַנדערטיילן די לעבנסמיטל צוטיילונגען צו די הונגעריקע געטאָ־יידן האָט אויך געהערשט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ד״ר וואָלקען גיט איבער אַן עפּיזאָד, וואָס איז כמעט אידענטיש צו אַלע לאַגערן: „אַ גרויסע נבלה זיינען באַגאַנגען די בלאָק עלטעסטע, וואָס האָבן פאַר זיך צוגענומען שפּייז, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר די אַרעסטאַנטן און די הונגעריקע געגעבן פאַרקלענערטע פּאָרציעס“. 38)

אַלע עפּידעמישע קראַנקהייטן — אינערלעכע סיי הויט קראַנקהייטן — האָבן געפירט צו איין וועג — צום טויט, דורך שטאַרבן, אָדער דורכן גאַז־אויוון און קרעמאַטאָריום. 39)

אין דעם פאַל קען די שטערבלעכקייט נישט אויסגערעכנט ווערן אין פּראָצענטער, ווייל די מערהייט לאַגערניקעס אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן טיפּן „ב“, „ג“ און „ד“ האָבן נישט אויסגעהאַלטן מער ווי עטלעכע חדשים, ווייל דער רעזשים איז געווען טאָטאַלע פאַרניכטונג דורך הונגער, קעלט, שווערע אַרבעט, פּייניקונגען און קראַנקהייטן.

אַלס ביישפּיל קען דינען פאָלגנדער פאַקט: אין קאָנצענטראַציע־לאַגער „דאָרא“ (צווייג־לאַגער פון בוכענוואַלד) איז דער לויף־נומער פון די לאַגערניקעס געווען ביי 140,000 און אין דערווירקלעכקייט איז נישט מער געווען ווי 26,000 העפטלינגען. די פעלנדע 114,000 זיינען אויסגעשטאָרבן און אומגעבראַכט געוואָרן. 40)

פּיזיאָלאָגישע באַמערקונגען

די באַשרייבונג פון די פונקציעס פון די אָרגאַנען אין מענטשלעכן קערפּער ווערט אָנגערופן פיזיאָלאָגיע, אָדער פיזיאָלאָגיע איז די וויסנשאַפט פון די פּראָצעסן פון לעבן. 41)

בכדי די פונקציעס פון די אָרגאַנען אין מענטשלעכן קערפּער זאָלן נאָרמאַל פונקציאָנירן, איז נויטיק דערנערונג און לופט. די דערנערונג דאַרף אַנטהאַלטן פאָלגנדע זעקס עלעמענטן: וואַסער, וויטאַמינען, מינעראַלן, צוקער, פעט און פּראָטעאין.

די יידן אין די געטאָס און אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן זייענדיק שטענדיק אויסגעהונגערט, אונטערדערנערט, האָט געשאַפן, צוליבן פעלן פון וויטאַמינען, אַ כאַאָס אין די פונקציעס פון די אָרגאַנען. דאָס האָט פּאַראורזאַכט אַ באָדן פאַר אַלערליי קראַנקהייטן, וואָס צוליב אומווידערשטאַנדס־פעאיקייט האָט דערפירט צום טויט. אויך די הויט־קראַנקהייטן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אומדערטרעגלעכע צורעת צוליבן פעלן אין אָרגאַניזם — פּראָטעאין.

עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דער פאַקט, אַז קיין לופט האָבן אויך יידן נישט געהאַט. אין אַ גאַנצע רייע געטאָס זיינען מתים געהאַלטן געוואָרן אין די שטובן, בכדי אָפּצונעמען, פאַר די טויטע, די לעבנסמיטל־צוטיילונגען. אַזאַ צושטאַנד האָט אָפטמאָל דערפירט צום טויט פון די בני־בית. אין דער צייט פון די טראַנספּאָרטן אין די קאָנצענטראַציע און טויט־לאַגערן זיינען יידן געפירט געוואָרן אין פאַר־מאַכטע וואַגאָנען און אַ סך זיינען צוליב מאַנגל אין לופט דערשטיקט געוואָרן. ענלעך איז געווען די לאַגע אין די וווין־בלאָקן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אין איין בלאָק זיינען געשלאָפן ביי טויזנט מענטשן און די לופט איז געווען אַ פאַרסמטע פון די קראַנקע אויף אייטערדיקן ווונדן און דיזענטעריע.

פּסיכאָלאָגישע באַמערקונגען

דער אויסדרוק פּסיכאָלאָגיע שטאַמט פון גריכיש און איז אַ צוזאַמענגעזעצט וואָרט פון פּסיכע און לאָגאָס, פּסיכע באַדייט נשמה און לאָגאָס — לערע. פּסיכאָלאָגיע איז דעריבער די לערע פון דער נשמה. אין דעם פאַל וועלן אָנגעווענדעט ווערן די מעטאָדן פון אינטראָספּעקציע (זעלבסט־באַאָבאַכטונג) און רעטראָספּעקציע (פרעמד־באַאָבאַכטונג).

יעדע פיזיאָלאָגישע שטערונג אין מענטשלעכן אָרגאַניזם און יעדע דערשיינונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן איבט אויס אַ ווירקונג אויף דער מענטשלעכער פּסיכיק.

די פילאָזאָפישע אַנטראָפּאָלאָגיע, כאַראַקטעראָלאָגיע און טיפּן לערע באַלערנט וועגן מענטשן פון אַ גאַנצע רייע טיפּן מיט אַ פאַרשידנאַרטיקע כאַראַקטער, במילא איז די ווירקונג פון פיזיאָלאָגישע שטערונגען און געזעלשאַפטלעכע דער־שיינונגען אַ פאַרשידנאַרטיקע.

דאָס קומט צום אויסדרוק סיי אין די געטאָס — סיי אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, און אין די וועלדער ביי די פּאַרטיזאַנער.

דיווירקונג פון הונגער

א) יאוש, אַפּאַטיע, האָפענונגסלאָזיקייט, אַנטוישונג, גלייכגילטיקייט, נידערגע־שלאָגנקייט, אַגרעסיווקייט, דענערווירטקייט, גייסטיקע און פיזישע פאַרווילדונג.

ב) געשטייגערטע גייסטיקע אַנטוויקלונג, אַז קאַמף פאַר ברויט איז קאַמף קעגן דער נאַצי־מאַכט.

ג) אין די צייטן פון סעלעקציעס, אויסזידלונגען און טראַנספּאָרטן האָט דער געפיל פון טויט־שרעק באַהערשט דעם געפיל פון הונגער. 42)

זעלבסטמאָרדן

א) אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן זיינען די זעלבסטמאָרדן געווען אַ שטרעבונג פון אַ ענדע מאַכן צו די פיזישע און מאָראַלישע ליידן דורך וואַרפן זיך אויף די עלעקטריזירטע דראָטן אַרומצוימונגען.

ב) אין די געטאָס האָבן די זעלבסטמאָרדן געהאַט אַ טיפן פסיכאָלאָגישן זין און קומט צום אויסדרוק אין אליהו גאַזשאַנסקיס בוך: „אויב איך קען נישט זיין אַ באַלעבאָס איבער מיין לעבן, וויל איך זיין דער באַלעבאָס איבער מיין טויט״. 43)

אומקום

נישט ריכטיק איז די באַהויפּטונג, אַז יידן האָבן זיך געלאָזט שעכטן ווי שאָף. אַפילו די יידן פון די ערשטע טראַנספּאָרטן, וואָס האָבן נישט געוווּסט, אַז זיי ווערן געפירט צום טויט זיינען אין לעצטן מאָמענט געקומען צום באַוווּסטזיין, אַז זייער אומקום איז אַ רעזולטאַט פון דער אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק, במילא איז דאָס נאַציאָנאַלע קדושה.

„ווייסע הייזער״

דער אויסדרוק „ווייסע־הייזער״ דאַרפט פאַרשטאַנען ווערן: וווינונגס־געלעגנ־הייטן פאַר פּריווילעגירטע יידן, יחידים, אָדער גרופּן, אין וווינונגס־הייזער, סיי אין באַראַקן, אין דער צייט פון דער נאַצי־עפּאָכע.

דאָס ווייסע־הויז אין אַטוואַצק

אַן אייגנאַרטיקער, מערקווירדיקער און כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון סאָציאַלע דיפערענצירונגען ביי יידן אין דער נאַצי־עפּאָכע איז דאָס „ווייסע־הויז״ אין אַטוואַצק. דאָס איז געווען אַ סאַנאַטאָריע מיטן פּראַכטפולסטן פאַרמלחמהדיקן קאָמפאָרט.

דאָס „ווייסע־הויז״ איז געווען אין צווייטן פּאַווילאָן פון שפּיטאָל „זאָפּיוווקאַ״.

אין רעזולטאַט פון דער שלעכטער פינאַנציעלער און ביטערערווירטשאַפט־לעכער סיטואַציע פון שפּיטאָל זיינען די קראַנקע מאַסנווייז אויסגעשטאָרבן פון הונגער. די פאַמיליעס פון די קראַנקע זיינען נישט געווען אימשטאַנד צו צאָלן די

שפּיטאָל־קאָסטן, די דייטשע אַפּראָוויזאַציע צוטיילונגען זיינען געווען אין אַזעלכע קוואַנטומס, אַז אין אַ קורצער צייט איז דער קראַנקער געוואָרן פולשטענדיק דערשעפּט און דאָס האָט גורם געווען דעם טויט.

דאָס שפּיטאָל איז נישט געווען אימשטאַנד איינצוקויפן פּראָדוקטן אויפן שוואַרצן מאַרק, ווייל זי האָט נישט געהאַט די פינאַנציעלע מיטלען דערצו.

בכדי צו באַקעמפן די מאַסן־שטערבלעכקייט פון די קראַנקע האָט די אַנפירונג פון שפּיטאָל אינסטאלירט דאָס „ווייסע־הויז״. די אויסרעכענונג איז געווען די, אַז פון די איינקונפטן זאָל געהעכערט ווערן די צאָל באַשפּייזונגס־קאַלאָריעס פאַר די קראַנקע.

דאָס „ווייסע־הויז״ איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1941 און ביז צו איר זעלבסט־אויפלייזונג (18 אויגוסט 1942) זיינען אַלע פלעצער געווען פאַרנומען דורך אַ נייעם שיכט יידן, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן „געטאָ־אַריסטאָקראַטיע״ און האָט זיך רעקרוטירט פון וואַרשע און לובלין.

די געטאָ־אַריסטאָקראַטיע איז פאַרפלעגט געוואָרן מיט די בעסטע מאכלים, פינף מאָל טעגלעך, פאַרברענגט ביי אונטערהאַלטונגס־קאָנצערטן, ביי שפּילן אין קאָרטן און געוווינט אין די אידעאַלסטע באַדינגונגען.

איין טאָג פאַר דער ליקווידאַציע פון אָטוואָצקער יידנטום, 18 אויגוסט **1942**, איז די געטאָ־אַריסטאָקראַטיע אַנטלאָפן און דערמיט האָט זיך דאָס „ווייסע־הויז״ פון זיך זעלבסט אויפגעלייזט. 44)

דאָס „ווייסע־הויז״ אין טשענסטאָכאָוו

פון אַ גאָר אַנדערן כאַראַקטער, ווי אין אָטוואָצק, זיינען געווען די „ווייסע־הייזער״ אין טשענסטאָכאָוו. די איינוווינער אין „ווייסן־הויז״ אין אָטוואָצק זיינען באַשטאַנען, מערסטנטייל, פון מענטשן, וואָס האָבן געדינט פאַר דער „געסטאַפּאָ״, און אין די צייטן פון גרויסן יידישן אומגליק, דורך פאַרשידענע פאַרבינדונגען מיט העכערע דייטשע באַאַמטע געמאַכט גרויסע געשעפטן, סחורה שמוגל, וואָס האָט זיי אַריינגעבראַכט פאַנטאַסטישע סומעס געלט. די איינוווינער פון די „ווייסע־הייזער״ אין טשענסטאָכאָוו, דאַקעגן, זיינען באַשטאַנען פון ערשטקלאַסיקע האַנדווערקער־פאַכלייט.

די דייטשע מאַכט־האָבער אין טשענסטאָכאָוו האָבן, פּריוואַט, פאַר זיך, אויס־גענוצט די קוואַליפיצירטע יידישע האַנדווערקער קרעפטן. צו דעם צוועק האָבן זיי באַשאַפן אַ ספּעציעלע קאַטעגאָריע פון „פּראָדוקטיווע־יידן״, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליק יידן. די פאַכלייט זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַ ספּעציעל הויז, אויסערן געטאָ, אויף דער נאַישווייענטשעי מאַרי פּאַנני נומער 14. דאָס הויז האָבן די יידן אָנגערופן מיט אַ גאַנצער ריי נעמען. צווישן די פּאָפּולערסטע זיינען: „דאָס ווייסע־הויז״ און „טשערנאַסטקאַ״ (פּערצנטל, לויטן נומער פון הויז).

אין דעם הויז זיינען געווען אַ גאַנצע רייע וואַרשטאַטן און נעמלעך: שניידע־רייען: פאַר מיליטערישע אוניפאָרמען, ציווילע מענער אַנצוגן, דאַמען שניידעריי, דאַמען־קליידער, שוסטערייען פאַר מיליטערישע שטיוול און ציווילע מענער און

דאַמען שיך, מענער און דאַמען וועש, פידזשאַמעס, העפטעריי, דאַמען־הוטן, קאָרסעטן און טישלעריי.

די האַנדווערקער פון „ווייסן־הויז״ האָבן געגאַנגען פון ספּעציעלע רעכט און אויפן גרונט פון באַשייניקונגען האָבן זיי זיך געקענט באַוועגן אין דער אַרישער זייט. דאָס האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו קומען אין האַנדלס און אַרבעטס פאַרבינדונגען מיט אַריער (פּאָלאַקן), פאַרשאַפנדיק זיך גוטע (פאַר יענער צייט) עקאָנאָמישע באַדינגונגען, דערביי האָבן זיי געוווינט אין בעסערע באַדינגונגען.

מערץ 9, 1943, איז דאָס הויז ליקווידירט געוואָרן און די פאַכלייט זיינען אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין קליינעם געטאָ אין אַ פאַבריקס־געביידע אויף קאַזשע־גאַס. אין דעם נייעם „ווייסן־הויז״ האָבן די פאַכלייט געאַרבעט ביז צו דער ליקווידאַציע פון קליינעם געטאָ, 26 יוני 1943, און פון דאָרטן איבערגעטראָגן געוואָרן אין הויז פון דער יידישער מקוה (ריטועלער באָד־אַנשטאַלט) אויף גאַרי־באַלדיעגאָ גאַס. אין יאָר 1944 איז אויך דאָס הויז ליקווידירט געוואָרן און די פאַכלייט זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַן אַנדער „ווייס־הויז״ אין דער ווירטשאַפטס־געביידע פון קאָנצענטראַציע־לאַגער „האַסאַג־פעלצערן״. אין דעצעמ־בער 1944, קורץ פאַרן פאַלן פון דער נאַצי־מאַכט אין טשענסטאָכאָוו (דאָס איז געשען אין דער נאַכט פון 16 אויפן 17 יאַנואַר 1945, זיינען די האַנדווערקער אויך פון דער ווירטשאַפטס־געביידע אַרויסגעוואָרפן געוואָרן און איינקוואַרטירט געוואָרן אין באַראַק נומער 7. אויך דער באַראַק איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ „ווייס־הויז״ און אירע איינוווינער אַלס יחסנים. 45)

„ווייסע־הייזער״ אין די לאַגערן

אין די אַרבעטס־לאַגערן, צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגערן און קאָנצענטראַציע־לאַגערן זיינען אויך געווען פריווילעגירטע שיכטן, וואָס האָבן געוווינט אין בעסערע באַראַקן און מאַטעריעל געלעבט פיל בעסער פון די לאַגערניקעס. דאָס זיינען געווען די פונקציאָנאַרן אין די לאַגערן.

מרדכי שטריגלער באַשרייבט אַ עפּיזאָד וועגן לאַגער „סקאַרזשיסקאָ־קאַמיעננאַ״ און איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע לאַגערן.

„בראש פון ווערק „צע״ איז געשטאַנען אַ אומגעווייטלעכער קאָמפּליצירטער טיפּ פון אַ יידישער פרוי, אַלס די לאַגער עלטסטע, מאַרקאָוויטש. איר געהילף איז געווען דער שוואָגער אירער, אייזענבערג. ער האָט געהאַט אין לאַגער אויך זיין פרוי און קינד. אַ דריטער שוואָגער איז געווען לייטער פון דער באַשפּייזונג. אויך ער האָט געהאַט זיין פרוי מיט צוויי קינדער ווי אויך די מוטער פון אַלע דריי שוועסטערן, וועלכע זיי האָבן באַוויזן צו ראַטעווען. זיי האָבן אַלע געוווינט צוזאַמען אין אַ באַזונדער באַראַק און זיינען געווען די איינציקע משפּחה אין לאַגער. דעם באַראַק, ווו די הערשער־משפּחה האָט געוווינט האָט מען אין לאַגער סאַרקאַסטיש גערופן: דאָס ווייסע־הויז. אַקעגנאיבער דעם הערשער באַראַק האָט זיך געפונען די וווינונג פון דער פּאָליציי און די פאַרשידענע סוב־קאָמענדאַנטן. עס איז געווען אַן אָפּטיילונג פון דער אינערלעכער פּאָליציי, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז געווען צו היטן די אינע־ווייניקסטע אָרדענונג אין לאַגער און די אַנדערע טייל, וואָס האָט זיך גערופן: די

פאַבריקס פּאָליצײ און איז געװען פאַרטײלט לױט די פאַבריקס פּלעצער. יעדע פּאָליצײ־אָפּטײלונג האָט זיך געהאַט איר פּאָליצײ עלטסטן, װאָס האָט זיך געצירט מיט ספּעציעלע שטערנדלעך אױפן היטל. די אַלע מענטשן האָבן אין אינערלעכן לעבן פון לאגער געהאט אַן אומבאגרענעצטע מאכט, געװען שענער געקלײדט און בעסער געלעבט. געװען אױך גרופּעס פון פּריװילעגירטע, װאָס האָבן געהאַט בעסערע אַרבעטס־שטעלן, װו מ׳האָט געקענט האַנדלען און פאַרדינען. טײל פון זײ האָבן געהאַט ספּעציעלע פּראָטעקציע בײ אַ דײטשן מײסטער און דערפאַר געקענט דורך זײ דערגרײכן פאַרשידנס. אַזעלכע האָבן זיך געלעבט באַזונדער, געבלאָזן פון זיך און נישט געקומען אין קאָנטאַקט מיט די הונגעריקע און אױסגעמאַטערטע, סײדן װען מ׳האָט בײ אַזעלכן געמוזט אױסקױפן זײן לעצטן גאָלדענעם צאָן... די דאָזיקע שיכט צוזאַמען מיט דער פּאָליצײ האָבן געצײלט צװישן 2 און 3 הונדערט מאַן. זײ האָבן געלעבט אין אַ געװיסער זיכערקײט, געװען געשיצט קעגן סעלעקציעס און קײנמאָל נישט געהונגערט; אַפילו געלעבט אין אַ פאַרשװענדערישן לוקסוס אין פאַרגלײך מיט די אַלגעמײנע לאַגער פאַרהעלטענישן״. 46.

„װײסע־הײזער״ איז אַ מערקװירדיקע דערשײנונג אין יידישן לעבן אין דער צײט פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע.

סאָציאַלע דיפערענצירונגען בײ יידן אין דער נאַצי־עפּאָכע

װױנונגס־פראַגע

מיטן אײנפירן די געטאָס האָבן די יידן געמוזט פאַרלאָזן זײערע װױנונגען און זיך איבערציען אין די באַשטימטע, דורך די דײטשן, יידן קװאַרטאַלן. די אַרישע באַפעלקערונג האָט געדאַרפט אין דער זעלבער צײט פאַרלאָזן די װױנונגען, װאָס זײנען אײנגעגלידערט געװאָרן אין די געטאָס.

עס הױבט זיך אָן אַן אױסטױש פון װױנונגען צװישן יידן און אַריער.

די פאַרמעגלעכערע יידן, װאָס האָבן געװױנט אין די רײכע, שײנע גאַסן, אין לוקסוס דירות האָבן, הגם אין אַ שלעכטן טויש, באַקומען אַ גוטע, אָדער אַפילו אַ שלעכטע דירה. ערגער איז געװען מיט דער אָרעמער באַפעלקערונג, װאָס האָט געװױנט אין קלײנע דירה׳לעך, אין אַלטע הײזלעך און נישט געהאַט װאָס אָנצובאָטן דעם אַריער, װאָס האָט געװאָלט אין דער עת־צרה מאַכן אַ גרױס געװינס. אַזעלכע יידן האָבן געמוזט אױף אַלץ מסכים זײן, אַפילו אױף פינצטערע קעלערלעך און בױדעם־שטיבלעך.

ביטערער איז געװען די לאַגע פון די צװאַנגס עװאַקואירטע יידן פון די קלײנע שטעטלעך. זײ זײנען דורך די דײטשן פולשטענדיק אױסגערױבט געװאָרן און זײנען געבראַנגט געװאָרן אין די איבערפולטע געטאָס. פאַר זײ איז שװין אַ קעלערל, אָדער אַ בױדעם שטיבל אױך געװען אַ אידעאַל, אָבער דאָס האָבן זײ אױך נישט באַקומען. זײ זײנען דורך די יודענראַטן אַרײנגעזעצט געװאָרן אין מאַסן־קװאַרטירן אין קינאָס, טעאַטער־זאַלן, בתי־תפילות און בתי־מדרשים, װאָס זײנען אָנגערופן געװאָרן „טױט־שטיבלעך״, װײל די אײנװױנער פון די קװאַרטירן זײנען מאַסנװײז אױסגעשטאָרבן פון הונגער, קעלט און עפּידעמישע קראַנקהײטן.

קאַטעגאָריעס יידן

אין דריי קאַטעגאָריעס זיינען די יידן געווען איינגעטיילט אין דער נאַצי־עפּאָכע: 1) פּריווילעגירטע, 2) אַרבעטספּעאיקע און 3) אומפּראָדוקטיווע.

פּריווילעגירטע

צו דער פּריווילעגירטער קאַטעגאָריע האָבן געהערט: יודענראַטן מיט אירע אָנגעשטעלטע, יידישע געטאָ־פּאָליציי, יידישע „געסטאַפּאָ" לייט, יידישע אינדוסטריעלער, וואָס האָבן פּראָדוצירט פאַר דער דייטשישער מאַכט. אויפקויפערס פון אַלטוואַרג פאַר רוי־שטאָפן, קאַפּאָס, בריגאַדירן, פאָראַרבעטער, לאַגער־פּאָליציי, פונקציאָנאַרן, בלאָק־עלטסטע, שטובן־עלטסטע און שטובן־דינסטן.

אַרבעטספּעאיקע

קוואַליפיצירטע האַנדווערקער און אַרבעטער באַשעפטיקטע אין די פאַבריקן אין די געטאָס און אויסער די געטאָס, ווי אויך אַלע פיזיש פעאיקע צו אַרבעט.

אומפּראָדוקטיווע

אַלע אומפעאיקע צו אַרבעט: קראַנקע, זקנים, קינדער און „מוסולמענער".

מאַטעריעלע לאַגע

אין די געטאָס, אָדער אין די לאַגער באַדינגונגען קען נישט זיין קיין רייד וועגן ווירטשאַפטלעכע קלאַסן, ווייל איבער יעדן ייד האָט געפאַכעט די שווערד פון אומקום, דערפאַר האָבן זיך נישט געקענט אויסבילדן געזונטע, נאָרמאַלע ווירטשאַפטלעכע קלאַסן־אינטערעסן.

אין די אומנאָרמאַלע לעבנס־באַדינגונגען אין די געטאָס האָבן זיך אויסגעבילדעט אומנאָרמאַלע סאָציאַלע דיפערענצירונגען, ווייל די „געטאָ־אַריסטאָקראַטיע" איז באַשטאַנען פון אַסאָציאַלע עלעמענטן און לומפּאָקראַטן. די לומפּאָקראַטן זיינען נישט גייסטיק ראוי געווען צו בילדן מיט זיך אַ קלאַס, דאַקעגן האָבן זיי געשאַפן אַ גייסטיקן און סאָציאַלן תהום אין באַצוג צו די מאַסן, וואָס איז אויסגעגאַנגען פון הונגער.

א. אייזען דערקלערט: „דאָס איז די גרויסע סתירה אינעם מאַטעריעלן לעבן פון די געטאָ מענטשן, ווען אַ קלענער טייל האָט געפרעסן און געזויפן, געשכורט און געהוליעט, שפּעקולירט און געוויילט זיך, געהאַט די בעסטע און באַקוועמסטע וווינונגען, בעת דער גרעסטער רוב פון דער באַפעלקערונג האָט געדאַרט און געקוואַרט, געהונגערט און געשטיקט זיך אין צען און פופצן־פערזאָניקע צימערן". 47)

אינזשיניער ה. ראָזען שרייבט: „פון איין זייט ליגן מתים אין די גאַסן און פון דער צווייטער זייט באָדט זיך אַ הייפל מענטשן אין ווילטאָג". 48)

יאָנאַס טורקאָוו דערקלערט: „נישט געקוקט אויפן גרויסן דלות און הונגער, וואָס האָט געהערשט אין געטאָ, איז פון דער צווייטער זייט געווען אַ רחבות'דיק און

לוקסוס לעבן, פון וועלכן עס האָבן געגאָסן נאָר די אויסדערווייל־טע. ד.ה. געוויסע מיטגלידער פונעם יודענראַט, פון דער פּאָליציי, „13טל״, „גיכער־הילף״, שמוגלערס און אַלע „שטיוול־מענטשן״. 49)

מלך נוישטאַדט שרייבט: „נאָר אַ זייער דינער שיכט איז געווען אין געטאָ, יעדנפאַלס נישט פון צווישן די געזעלשאַפטלעך־אַקטיווע און טוער, וועלכע האָבן געלעבט אויך דאָרטן אין לוקסוס״. 50)

אויך קינדער האָבן אין זייערע גבית־עדות זיך אַרויסגעזאָגט וועגן די סאָציאַלע דיפערענצירונגען און עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס זיי דערקלערן.

יורעק ערנער, געבוירן אין וואַרשע אין יאָר 1929, אין צייט פון געטאָ אַלט געווען 13 יאָר. ער דערקלערט: „אין געטאָ איז געווען אַזאַ הונגער, אַז יידן זיינען געפאַלן אין די גאַסן. ס׳איז געווען אַ טיפּוס אונטערגאַנג. ס׳זיינען געווען רייכע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט פון פויגלמילך, האָבן אָבער קיינעם נישט געהאָלפן״. 51)

יורעק גאָלדמאַן (אויך אַ קינד פון וואַרשעווער געטאָ) דערקלערט: „ס׳זיינען דעמאָלט געווען אַזעלכע רייכע מענטשן אין געטאָ, אַז זיי האָבן נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיטן געלט, אָבער אַנדערע האָבן זיי נישט געהאָלפן, ביי זייערע הייזער פלעגן אָרימעלייט טאָג־טעגלעך שטאַרבן פון הונגער. ביים טעאַטער איז געווען אַ וווּרשט געשעפט „אַלאַ פורשעט״ האָט מען דאָרט געקענט קריגן געבראָטענע אינדיטשקעס און כל המינים פליישן — געגנוי אַזוי ווי פאַרן קריג. און ביי דער זייט זיינען אויף דער גאַס געלעגן מענטשן און אויסגעגאַנגען פון הונגער״. 52)

צוואַנגס־אַרבעט

די אַרבעטס־אַמטן ביי די יודענראַטן האָבן זיך באַשעפטיקט מיט צושטעלן די אומבאַלוינטע צוואַנגס־אַרבעטער. די פאַרמעגלעכע יידן האָבן זיך אויסגעקויפט פאַר געלט, דערפאַר איז די גאַנצע לאַסט געפאַלן אויף דער אָרעמער באַפעלקערונג. דאָס דרינגט אַרויס פון פאָלגנדער באַשרייבונג: „די אומפאַרמעגלעכע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן פון אויסקויפן זיך און נישט געהאַט קיין מיטלען צום לעבן, האָבן געמוזט גיין צו דער אומבאַלוינטער צוואַנגס־אַרבעט; ליידן דערביי הונגער און נויט, קעלט, זייערע קליידער זיינען צעריסן געוואָרן און פלעגן דערצו אָפט צעשלאָגן ווערן״. 53)

פאַרשיקונגען אין לאַגערן

די יודענראַטן האָבן אָנגעווענדעט די זעלבע טאַקטיק ווי ביי די צוואַנגס־אַרבעטער. שמחה פאַלאַקעוויטש שרייבט וועגן דעם פאָלגנדעס: „עס איז געווען אַ ספּעציעלער פּלאַן פון צערייסן פאַמיליעס און שאַפן אַן אַנטאַגאָניזם צווישן דער יידישער באַפעלקערונג גופא, צעטיילן אויף פּריווילעגירטע, וואָס האָבן געקענט בלייבן אין געטאָ (דער פאַרמעגלעכער שיכט) און אויף אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געמוזט שיידן מיט זייערע פאַמיליעס און פאָרן אין אַרבעטס־לאַגערן אויף שווערע אַרבעט (דער אָרעמסטער טייל פון די געטאָ איינוווינער).

אויסזידלונגען

אין דער צייט פון טראַגישן שיקזאַל פונעם יידישן פאָלקס־גורל זיינען אין

דער ערשטער רייע געווען די קרבנות — די אָרעמע מאַסן.

יאָנאַס טורקאָוו שרייבט: „ווער ס'האָט געהאַט געלט, האָט זיך נאָך אין דער ערשטער תקופה פון דער „אַקציע" געקענט אויסקויפן. ביטער איז אָבער געווען דעם, וואָס האָט נישט געהאַט קיין אויסקויף־געלט... זיינען טאַקע די אַרבעטס־מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלט אויסצוקויפן זיך און אויך די אָרעמעלייט, די ערשטע אַריינגעפאַלן". 55)

ב. מאַרק דערקלערט: „די ערשטע קרבנות זיינען געווען די באַוווינער פון געזעלשאַפטלעכע פליטים־היימען, פון אַרעסטן און תפיסות און פון די טויט־הייזער". 56)

„טויט־הייזער" זיינען אָנגערופן געוואָרן די מאַסן־קוואַרטירן, ווייל דאָרט איז געווען אַ מאַסן־שטערבלעכקייט.

ק ר ק ע ו ת

די מאַסן שטערבלעכקייט אין די געטאָס האָט אָנגענומען שוידערלעכע פאָרמען. עס איז געווען אַן אָנגענומענע טראַדיציע, אַז גבירים, פאַר וועלכע די פאַמיליעס האָבן באַצאָלט גרויסע סומען געלט זיינען באַערדיקט געוואָרן אויף בכבודיקע ערטער. די אָרעמעלייט, דאַקעגן, פאַר וועלכע די פאַמיליעס האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן זיינען באַערדיקט געוואָרן אויף פלעצער — אין קברים — ווי עס גייט לויטן לויף נומער. קעגן אַזאַ האַנדלונג איז אַפילו קיינעם נישט איינגעפאַלן צו פּראָטעסטירן. דאָס איז שוין געווען אַן אָנגענומענע זאַך, אַ נישט געשריבן געזעץ, אַז אַזוי מוז דאָס זיין.

אין וואַרשעווער געטאָ איז אויף דעם געביט געווען דער גרעסטער וואַנדאַליזם מצד דעם יודענראַט. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער ברוטאַלסטער פאָרם פון בזיון־המתים. דער יודענראַט האָט איבערהויפּט נישט געוואָלט געבן קיין קרקע פאַר אַן אָרעמען מת, פאַר וועלכן די פאַמיליע האָט נישט געהאַט איינצוצאָלן דעם נאָרמאַלן אָפּצאָל. עס האָט זיך, דעריבער, געשאַפן אַ פּראָצעדור פון אונטערוואַרפן די מתים אויף די גאַסן און אויף אַזאַ אופן זיינען די לויה אונטערנעמונגען געזוען געצוווּנגען אָוועקצונעמען די מתים פון די גאַסן און אָוועקפירן אויפן בית־עולם. דער יודענראַט, דאַקעגן, איז געווען געצוווּנגען צו דערטיילן מאַסן־קברים אין וועלכע די אָרעמע מתים זיינען נאָמענלאָז באַערדיקט געוואָרן. 57)

אַלגעמיינע אויספירונגען

1) אין די געטאָס זיינען געווען סאָציאַלע דיפערענצירונגען.

2) די יידישע מאַכט פאַקטאָרן זיינען באַשטאַנען פון לומפּאַקראַטן־סערווילּיסטן.

3) די „געטאָ־אַריסטאָקראַטיע" האָט נישט רעפּרעזענטירט מיט זיך קיין קלאַס, נאָר איז באַשטאַנען פון אַסאָציאַלע עלעמענטן און ווי דוד זיסמאַן דריקט זיך אויס אין „האַסאַג־ליד" שטיוול־מענטשן.

4) אונטערן באַגריף „קלאַס" דאַרפט מען פאַרשטיין: אַ ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישע גרופּע, וואָס האָט פּאָליטישע אַספּיראַציעס און אויך אַ וועלט־אַנשויאונג.

5) די „גוטע אַריסטאָקראַטיע", די שטיוול־מענטשן און די גוטע מאַכט־פאַקטאָרן, לומפּאַקראַטן־סערוויליסטן, פּאַסן זיך נישט אַריין אין קיין שום וויסנ־שאַפטלעכע פאָרמולע וועגן באַגריף „קלאַס".

לומפּאַקראַטיע

דער אויסדרוק לומפּאַקראַטיע איז אַ צוזאַמענגעזעצטעס וואָרט פון לומפּן און קראַטיע. לומפּן — באַדייט אָפּפאַל, אין דעם פאַל, אָפּפאַל פון דער געזעלשאַפט. קראַטיע — באַדייט הערשאַפט.

דער אויסדרוק לומפּאַקראַטיע דאַרפט מען פאַרשטיין: די הערשאַפט פון לומפּן און די באַצייכענונג לומפּאַקראַטן — הערשער לומפּן.

דער יידישער עלעמענט, וואָס איז אין דער צייט פון דער גרעסטער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע געקומען צום אויסדרוק אַלס ווירטשאַפטלעכער און אַדמיניסטראַ־טיווער פאַקטאָר איז באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס האָבן די וועלט פון מאָראַל און עטיק אָוועקגעוואָרפן, אָדער פון מענטשן, וואָס זיינען פון דער וועלט, עטיק און מאָראַל געווען אָוועקגעשטויסן.

דער עלעמענט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קאַסטע פון לומפּן און אַלס הערשנדע פאַקטאָרן — לומפּאַקראַטן.

דער אויסדרוק לומפּאַקראַטן איז ענג פאַרבונדן מיט דעם באַגריף סערוויליזם. דער אויסדרוק סערוויליזם שטאַמט פון לאַטיינישן וואָרט „סערוווס" און באַדייט קנעכט. אַ סערוויליסט איז דער, וואָס רעגירט אויס מורא, אָדער אייגענעם נוצן, פאַר אַ מאַכט, וואָס האָט אים דערצו באַשטימט, פאַרלירנדיק דערביי די מענטש־לעכע ערע.

כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אַז די לומפּאַקראַטן־סערוויליסטן האָבן איינ־געהילט זייער טעטיקייט אין אַ כלומרשטע גוטוויליקע אָפּפערונג לטובת הכלל.

דער געדאַנק קומט צום אויסדרוק ביי ד"ר סעמועל גרינגאַוז. ער דערקלערט: „אויפן לעבן פון געטאָ, אויב נישט קיין אַנדערע פאַקטאָרן, האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף דער דעפּרעסיע פון סאָציאַלן און מאָראַלישן לעבן, איז אין קאָנטראַ־לירן די קרימינעלע טענדענצן האָט זיי געצוווּנגען אָנצוגיין אַלס דערלייזער און גוטהאַרציקע". 58)

ד"ר פּאַוועל ווידערמאַן שרייבט וועגן זאַגלעמביער לומפּאַקראַט־סערוויליסט, מאָניעק מערין, אַז ער האָט געזאָגט צו זיין געליבטער: „אויב דאָס וועט מיר געלונגען (צו ראַטעווען אַ טייל זאַגלעמביער יידן) וועט אונדזער רום וואַקסן אין דער יידישער וועלט פאַר אַלע דורות. אין אונדזער נייער היים, אין ארץ־ישראל, וועט מען אונדז אויפנעמען ווי טריאומפאַטאָרן... מיינע פעאיקייטן פון אַ מנהיג וועלן ערשט אויפבליצן... איך וועל שאַפן אַ גרויסע אַרמיי מיט מאָדערנע באַוואָפענונג און מען וועט זיך מיט אונדז מוזן רעכענען אויף דער פּאָליטישער אַרענע". 59)

ד"ר פיליפּ פרידמאַן אין זיין אָפּהאַנדלונג „דער משיח קאָמפּלעקס פון אַ געטאָ דיקטאַטאָר" כאַראַקטעריזירט מערין'ס דערקלערונג אין פאָלגנדע ווערטער: „מערין,

דער בעל־גאוה און בעל־חלומות, גיט דאָ צו דעם לעצטן ציגל, נישט צו זיין מאָנומענט, נאָר צו זיין קאַריקאַטור אין אַ נאַרן־קאָסטיום. עס איז אָבער נישט נאָר לעכערלעך, עס איז אויך טראַגיש און טרויעריק: אין מערינס מויל, דעם דייטשישן ווערקצייג און נאַצי־באַשאַפענעם „פּירער", קלינגען די ווערטער ממש ווי אַ חוצפּה־דיקער חילול־השם". 60)

די לומפּאַקראַטן־סערוויליסטן האָבן געפירט אַ פּאָליטיק פון „זאָט מאַכן דעם וואָלף", דורך אויספירן אין הונדערט פּראָצענט די נאַצי באַפעלן. צום ביישפּיל: די נאַצי־מאַכט האָט פאַראָרדנט, אַז אַלע יידן מוזן אָפּגעבן די פעלצן אין אַ באַשטימטן טערמין אין קעגנפאַל דראָט טויט־שטראָף יעדן איינעם ביי וועמען עס וועט געפונען ווערן אַ פעלץ.

די לומפּאַקראַטן־סערוויליסטן האָבן געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע, אַז אַלע זאָלן אָפּגעבן די פעלצן, ווייל דערמיט ראַטעוועט מען זיך דאָס לעבן. דאָס איז געווען ביי קאָנטריבוצ־עס, כאַפּן צו צוואַנגס־אַרבעט און אַפילו ביים כאַפּן יידן אַוועק־צושיקן צום טויט, ווייל דערמיט, האָבן זיי געטענהט, וועלן זיך די איבעריקע ראַטעווען.

די זעלבע דער־שיינונג איז אויך געווען אין די צוואַנגס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די קאַפּאָס, בריגאַדירן און פאָראַרבעטער האָבן געיאָגט און געטריבן ביי דער אַרבעט, ווייל אויב דער קוואַנטום וועט נישט אויסגעפירט ווערן, הייסט סאַבאָטאַזש און פאַר סאַבאָטאַזש דראָט טויט־שטראָף. דאָס אויספירן די פולע אַרבעטס־נאָרמעס הייסט ראַטעווען זיך דאָס לעבן.

עס שטעלט זיך די פראַגע: ווי קומט דאָס, אַז מענטשן, וואָס האָבן אויסגעפירט אַ שענדלעכע ראָלע האָבן געוואָלט אָנגיין אַלס רעטער. אָן ענטפער געפינען מיר ביי א. אייזען אין צוזאַמענהאַנג מיטן ווילנער געטאָ און שפּיגלט אָפּ דעם מצב, כמעט אין אַלע געטאָס און לאַגערן: „שטאַרקער אָבער פון יעדער געפיל און שכל הישר איז געווען די גייסטיקע בלינדקייט און פאַלקס פרעמדער צוגאַנג פונעם רוב יודענראַטן אין די געטאָס. — און מחמת דעם, דער שפּיץ פון ווילנער געטאָ, דער פאַרשטייער גענס און זיינע מקורבים — איז מאָראַליש און גייסטיק נישט געווען דערוואַקסן צו זיין ראָלע, האָט זיך די מאַסע אונטן געפילט ווי פאַרלוירן און דעזאָריענטירט אין אַ ריי פראַגעס פון גוטס און שלעכטס. דער מונטנער שטראָם פון אַפּנאַרעריי און פאַלשע האָפענונגען ,וואָס האָט זיך געגאָסן פון אויבן, האָט געהאָלפן נאָך מער פאַרטשאַדן די מוחות און אָפּטעמפּן דעם חוש פאַר סאָלידאַריטעט". „דער גאַנצער פאָליצייאישער רעזשים פון גענס מיט זיינע משרתים, וואָס האָט געשטיקט און געדריקט דעם אָרעמען געטאָ־ייד און אים געהאַלטן ביז דער לעצטער מינוט אין שרעק און מורא: דאָס איז דאָס אַרעסט הויז אויף לידזקע געסל: ווו גענס האָט אויף אייגענעם און דייטשן באַפעל געהאַלטן און אַרויסגעגעבן יידן דער „געסטאַפּאָ" צום טויט; דאָס איז אַ טייל פון דער יידישער פאָליצײ, וואָס האָט געשלאָגן און געהרגעט מכות רצח פאַר אַריינטראָגן בגנבה אַ ביסל עסנוואַרג אין געטאָ, וואָס האָט אויפן באַפעל פון דייטשן קאָמיסאַר מורער געשמיסן און געקאַטעוועט יידישע מענער און פרויען איבערן נאַקעטן לייב; דאָס איז די זעלבע פאָליצײ, וואָס האָט בעת אַקציעס געהאָלפן די דייטשן אויפדעקן מעלינעס און אַרויסנעמען די

באַהאַלטענע יידן, וואָס האָט אויף דער ווילנער פּראָווינץ געהאָלפן מאַכן סעלעקציעס און ווי יאַגד־הינט נאָכגעשפּירט יעדן איינעם, וואָס האָט געוואַגט אַרויסצוזאָגן אַ ווידערשפּעניק וואָרט". „אַ טייל יידישע בריגאַדירן האָבן ווי שוטרים אין מצרים געיאָגט און געטריבן צו דער אַרבעט און געהאָלפן אויסזייגן דעם לעצטן מאַרך פון די אויסגעמאַטערטע, פון די פיס פאַלנדיקע אַרבעטער". 61)

די יידישע מאַכט־פאַקטאָרן אין די געטאָס זיינען באַשטאַנען פון: יודענראַטן, געטאָ־פּאָליציי, אין וואַרשע איז אויך געווען אַ „דרייצענטל", סאַניטאַר פּאָליציי און די וואָס זיינען געווען אין דינסט פון דער „געסטאַפּאָ".

יודענראַט

דער יודענראַט אַלס אַ אינסטיטוציע איז אַ פּראָדוקט פון דער נאַצי־מאַכט.

אויפן גרונט פון דער פאַראָרדענונג פון דייטשן גענעראַל־גובערנאַטאָר האַנס פראַנק פון 28 נאָוועמבער 1939 זיינען די יודענראַטן אַנטשטאַנען מיטן ציל אויסצופירן די נאַצי־באַפעלן.

די יודענראַטן האָבן געזאָלט זיין געוויילטע, אָבער כמעט אומעטום זיינען זיי געווען נאָמינירטע דורך די דייטשע לאָקאַלע פאַראָרדנונגען. אויב אין געוויסע שטעט זיינען פאָרגעקומען וואַלן איז דאָס געווען אַ חוזק און אַ פּראָפּאַנאַציע צום באַגריף פון פּינפּאַכיקן וואַל־מאָדוס.

דער נאָמען פון אַ ראַטמאַן אין יודענראַט איז געווען: „יודען־עלטעסטער" און פון פּרעזעס „עלטעסטער דער יודען", אָדער „עלטעסטער דער יודען על־טעסטע".

דער יודענראַט איז נישט געווען קיין אינסטאַנץ, נאָר אַן אויספיר אָרגאַן פון די נאַצי פאַראָרדנונגען. צוליב דעם, וואָס יעדע נאַצי פאַראָרדנונג איז געווען געצילט צו באַרויבן, פאַרשקלאָפן און פאַרניכטן דאָס יידנטום, דערפאַר איז דער יודענראַט געווען אַ פאָלקס־פיינטלעכע אינסטיטוציע, וואָס האָט אויסגעאיבט איר טעטיקייט קעגן ווילן און לרעה פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אַ פּרעזעס פון יודענראַט איז נישט אויסגעוויילט געוואָרן דורך דער יידישער געמיינשאַפט און איז פאַר איר נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך. ער איז אויסשליסלעך געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער דייטשער מאַכט.

אין גרויס פאַרביטערונג, צער און צאָרן דערקלערט מ. טענענבוים ווער עס זיינען די ראַטמענער אין יודענראַט: „הם (יידנעלטעסטע) מנוולים ומשום כך נעשו לאובמנים, אוי היו לאובמנים ומשום כך נעשו למנוולים ולמשרתים של הגיסטפו". 62)

אין דער אָפּהאַנדלונג „די יידישע שפּראַך אין קאַמף קעגן נאַצי־רעזשים" קומט צום אויסדרוק דאָס געטאָ פאָלקס־ווערטל צו באַצייכענען דעם יודענראַט מיטן עפּיטעט „יידן־פאַראַט". 63)

ב. מאַרק כאַראַקטעריזירט דעם וואַרשעווער יודענראַט און געטאָ פּאָליציי:

„דער פּאַראַט פון וואַרשעווער יודענראַט וועלכער האָט מסכים געווען אַדורכ־צופירן די „אויסזידלונג“ נישט ווי סנדיק אָדער מאַכנדיק זיך נישט וויסנדיק וועגן אמתן מצב, וועט, צוזאַמען מיטן פּאַראַט פון יידישן אָרדנונגס־דינסט — די געטאָ פּאָליציי פאַרבלייבן אַן אייביקער פלעק אויפן נאָמען פון די יידישע מאַכט אָרגאַנען אין געטאָ. שטעמפּלענדיק דעם דאָזיקן פאַקט, מוז מען אָבער אונטערשטרייכן, אַז די יידישע געטאָ מאַכט, אַט דער פּראָדוקט פון די אָקופּאַציע באַדינגונגען האָט לחלוטין נישט אָפּגעשפּיגלט די שטימונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג. די מיטגלידער פון יודענראַט און זייערע באַהעלפער, נאָמינירטע קאַריעריסטן, וועלכע האָבן נישט געקענט זען דעם אמת אַזוי ווי ער איז. זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק דער שיטה פון „אומזידלונגס־אמט — צעטייל און הערש“ — און באַקומענדיק געוויסע קאָנצעסיעס פאַר עטלעכע קאַטע־גאָריעס אַרבעטנדיקע און באַאַמטע האָבן זיי געגעבן זייער צושטימונג דורכצופירן די אַקציעס פון דער יידן פאַרניכטונג. מיטן קלאָרן וויסן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין די דייטשע הענט לכל הפּחות 70 טויזנט יידן פון געטאָ“. 64)

יידישע געטאָ־פּאָליציי

אויפן גרונט פון דער פאַראָרדנונג פון די דייטשע לאָקאַלע מאַכט אָרגאַנען איז אַנטשטאַנען די געטאָ פּאָליציי אַלס געהילפס־אָרגאַן ביי די יודענראַטן. צוערשט זיינען אירע אויפגאַבן געווען כמעט ווי „אומשולדיקע“. האַלטן אָרדנונג ביי די אינסטיטוציעס, ביוראָען, מאַגאַזינען און אויף די גאַסן, סאַניטאַר־דינסט און אָפּהיטן די פּאָליציי שעה, דאָס הייסט, אַז דער פאַרקער פון יידן אויף די גאַסן זאָל נישט פּאַרקומען אין די פאַרבאָטענע שעה'ן. ביסלעכווייז האָבן זיך די אויפגאַבן פאַר־גרעסערט אין איינמאָליקע און אין פּערמאַנענטע.

די פּאָליציי האָט געהאַט אַ גאַנצע רייע נעמען ווי צום ביישפּיל: „אינספּעקציע פון גאַסן־פאַרקער“, „אדע־מענער“ (אָרדנונגסדינסט־מענער), „יודען־פּאָליציי“, „געטאָ־פּאָליציי“ און ווי אהרן טווערסקי גיט איבער האָט די פּאָליציי געהייסן אין פּאַריז (פראַנקרייך) „עם־עס“ (מיסיאָן ספּעציאַל). 56)

עס איז קלאָר, אַז בעלנים צו גיין פרייוויליק צו אומבאַלוינטע צוואַנגס־אַרבעט, אָדער פאַרשיקט צו ווערן אין לאַגערן, אָפּגעריסן צו ווערן פון די פאַמיליעס, ליידן הונגער און נויט, ווערן געשלאָגן און געפּייניקט, זיינען נישט געווען. עס זיינען אויך נישט געווען קיין בעלנים, פרייוויליק, צו צאָלן די הויכע שטייערן פאַרן יודענראַט. די יידישע געטאָ פּאָליציי האָט מיט דער הילף פון גומי שטעקנס און תפיסות געצוואונגען אויסצופירן די באַפעלן פון יודענראַט.

ב. מאַרק כאַראַקטעריזירט אַ געטאָ פּאָליציאַנט אין פאָלגנדע ווערטער:

„ער האָט מאַכט, ער קען הערשן, ער מעג שרייען אויף זיינע ברידער, שלאָגן זיי, יאָגן, מיט קיין כלי־זין איז ער נישט באַוואָפנט. דער דייטש געטרויט נישט. דער דייטש האָט אים אין האַנט אַריינגערוקט בלויז אַ גומענעם שטעקן, ער זאָל מיט אים לערנען זיינע בלוט ברידער הכנעה און געהאָרכזאַמקייט“. 66)

יידישע סאַניטאַר־פּאָליציי

יאָנאַס טורקאָוו שרייבט: „צו באַקעמפן די טיפוס עפּידעמיע, האָט דער יודענ־

ראַט און געזונדהייטס־אַמט אָרגאַניזירט ספּעציעלע סאַניטאַרע און דעזינפעקציע אָפּטיילונגען; די דאָזיקע אָפּטיילונגען האָבן געהאַט צוגעטיילט צו זייער רשות יידישע פּאָליציאַנטן און זיי זיינען געווען די שרעק פון וואַרשעווער געטאָ. זיי האָבן באַנוצט די זעלביקע מעטאָדן, וואָס זייערע פּוילישע קאָלעגן: בלאָקירט גאַנצע הייזער, אָפּגעשלאָסן די טויערן, געפירט אין באָד אַריין די אָרעמעלייט, פאַרברענט זייער וועש און בעטגעוואַנט, און די רייכע לייט באַפרייט פון די אַלע פּראָצעדורן פאַר אַ גרעסערער סומע געלט. ספּעציעל גרויזאַם און אומברחמנות׳דיק האָבן זיך אויסגעצייכנט די דעזינפעקציע קאָלאָנעס און די סאַניטאַרע הילף־פּאָליציי. בראש פון דער אָפּטיילונג זיינען געשטאַנען די פּאָליציי אָפיצירן מאַיאָר גראָס, פליישמאַן און שמערלינג. דער לעצטער האָט זיך שפּעטער קונה שם געווען ביים מיטהעלפן די דייטשן צו פאַרניכטן די רעשטלעך איבערגעבליבענע יידן אין וואַרשעווער געטאָ. די דאָזיקע חברה־לייט האָבן, בעת זייער אַמטירן אַלס אָנפירער פון די סאַניטאַר־דעזינפעקציע קאָלאָנעס, געמאַכט אַ פאַרמעגן אויפן חשבון פון דער יידישער נויט. זיי זיינען אין זייער אַרבעט נישט אָפּגעשטאַנען פון די דייטשן; תמיד מיט שפּיצרוטן אין די הענט און גלאַנצנדיקע שטיוועלעך אויף די פיס, קאָמאַנדעוועט און געזידלט און די „ווידערשפּעניקע" געשלאָגן איבער די קעפּ". 67)

דאָס „דרייצענטל" אין וואַרשעווער געטאָ

אונטערן דעק־מאַנטל פון קאַמף קעגן יקרות און ליכווע איז אַנטשטאַנען אַ פּאָליציי פאָרמאַציע, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „דרייצענטל". דאָס איז דערפאַר, ווייל איר הויפּט־קוואַרטיר איז געווען אויף לעשנאָ נומער דרייצן.

ב. מאַרק כאַראַקטעריזירט די טעטיקייט פון „דרייצענטל". „דאָס „דרייצענטל" איז ווי אַ וואַמפּיר געזעסן אויפן לעבעדיקן אָרגאַניזם פון דער געטאָ, געטרונקען איר בלוט, גאַנגרעניזירט איר גוף, פּראָוואָקאַציעס, מסירות, שאַנטאַזשן, אויסלי־פערונגען פון טויזנטער מענער און פרויען אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ". 68)

וועגן „דרייצענטל" און איר קאָמענדאַנט גאַנצווייך שרייבט בערנאַרד גאָלדשטיין, אַז זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַ מורא אויפן געטאָ; זי האָט כסדר דורכגעפירט רעוויזיעס, באַפאַלן גאַנצע הויפן און הייזער־בלאָקן, געזוכט כלומרשטע געשמוגלטע סחורות, שפּעקולאַנטן, פּאַסעק־מאַכער. פאַקטיש פלעגן זיי שנאַפּן נאָך פּאָליטישן מאַטעריאַל, אומלעגאַלער ליטעראַטור, אומלעגאַלע פּערזאָנען, — זיי האָבן דערפילט די פונקציעס פון געסטאַפּאָ אויפן שטח פון געטאָ. מיט דער צייט איז דער דאָזיקער גאַנצווייך מיט זיין „דרייצענטל" געוואָרן דער פאַקטישער רעפּערענט וועגן יידישע ענינים פאַר דער געסטאַפּאָ און האָט געגאָסן פון איר פולן צוטרוי". 69)

ד"ר הלל זיידמאַן דערקלערט, אַז: „אין געטאָ האָט דער נאָמען „לעשנאָ 13", אָדער ווי מען האָט עס אָנגערופן בקיצור „דאָס דרייצענטל" — אָנגעוואָרפן אַ שרעק. ס׳איז דאָרט געווען אַ גאַנצע „היראַרכיע" מיט גראַדן און שטערן, מיט אַן אייגענער פּאָליציי. זיי האָבן באַקומען פאַרשידענע פּריווילעגיעס. אַזוי למשל איז זיי איבערגעגעבן געוואָרן די אַדמיניסטראַציע פון 80 הייזער אין געטאָ, וועלכע זיי האָבן ווידער איבערגעגעבן צו פאַרוואַלטן זייערע מענטשן. דאָס איז אויך געווען אַ מקור פון הכנסה פאַרן „דרייצענטל". 70)

יאָנאָס טורקאָוו שרייבט וועגן „דרייצענטל" פאָלגנדעס: „זייער „קאַמף" מיט ליכוּוע און ספּעקולאַציע האָבן זיי אָנגעהויבן פון קאָנפיסקירן סחורות ביי יידן און טעראָריזירן די באַפעלקערונג. צוביסלעך האָט זיך אָבער די לאַגע „איינגע־שטעלט". די בעקערס, למשל, האָבן געמוזט צאָלן דער פּאָליצײ פונעם „13טל" אַ שטענדיקע קאָנטריבוציע און אָוועקגעבן זיי אַ געוויסן סכום פון דעם אויסגע־באַקענעם ברויט. זיי האָבן אויך געמאַכט יד־אחת מיט די שמוגלערס און „גרייקעס" און אַליין מיטגעהאָלפן, פאַר אַ גרויסן אָפּצאָל אַריינצושמוגלען פּראָוויאַנט אין געטאָ. די פּאָליציי פונעם „13טל" האָט געלעבט אַ גוטן טאָג אין געטאָ, אויסגעפּרעסט ביי מענטשן געלט און עס שפּעטער פאַרהוליעט אין די נאַכט־לאָקאַלן. זיי האָבן פונקט ווי די יידישע פּאָליציי ביים יודענראַט, געהערט צו דער נייער „עליטע" אין געטאָ". 71)

אויסער די אויסגערעכנטע פּאָליציי פאָרמאַציעס זיינען אויך געווען אַנדערע מיט ספּעציעלע אויפגאַבן. דער פּרעזעס פון יודענראַט אין לאָדזש, מ. ה. רומקאָווסקי, האָט געשאַפן פאַר זיך אַ פּערזענלעכע וואַך, אַ ספּעציעלע פּאָליציי. דער אָנפירער פון דער ספּעציעלער פּאָליציי, הערצבערג, איז געווען די רעכטע האַנט פון פּרעזעס רומקאָווסקי. ער האָט אויך געהאַט די אויפזיכט איבער דער תפיסה.

וועגן הערצבערגן און זיין „יחוס" איז געשריבן געוואָרן פאָלגנדעס:

„אַ מענטש פון דער אונטערוועלט, פאַר דער מלחמה געדרייט זיך אַרום גנבים און אַלפאָנסן. אַט אַזאַ מענטש האָט באַקומען די ממשלה איבערן געטאָ, ווערט פאַר־וואַלטער איבער דער צענטראַל תפיסה, וווּ ער פאַרפייניקט די אַרעסטאַנטן ביז טויט. אַט דער פאַרשוין האָט איינגעפירט, נאַטירלעך מיטן הסכם פון פּרעזעס, די מיטלאַלטערלעכע שטראָף פון עפנטלעכע שמיץ. אַלס ערשטער קרבן איז געפאַלן איינער פישל גוטמאַן, אַ פורמאַן (בעל־עגלה), וועלכער האָט באַקומען אַ פּסק פון מלקות, יעדן צווייטן טאָג צו 20 שמיץ. הערצבערג וואַרפט אָן אַן אימה און פּחד אויף דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, דורך זיינע ווילדע אָנפאַלן אויף אַרבעטער, וועלכע זיינען דעם פּרעזעס נישט געפעלן. בעת זיין אַרעסט און אַרויסשיקן האָט מען ביי אים געפונען גוזמאות פּראָוויאַנט אַ חוץ עטלעכע און צוואַנציק קילאָ גאָלד און בריליאַנטן באַגראָבן נעבן זיין וווינונג". 72)

נישט פון קיין בעסערן עלעמענט איז באַשטאַנען די אָנפירערשאַפט פון דער געטאָ־פּאָליציי אין וואַרשע. זאָל דאָ נאָר אויסגערעכנט ווערן עטלעכע איבער וועלכע די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אויסגעפירט אַטענטאַטן.

יעקב לייקין, הויפּט קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־פּאָליציי, געטראָגן אַ פּאָליצייאיש היטל מיט 4 זילבערנע שטערנדלעך. ער איז געווען די שרעק פונעם וואַרשעווער געטאָ. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ גרויסן הונט און מיט אַ לעדערנעם שפּיצרוט אין דער האַנט, מיט וועלכן ער האָט פאַר דער מינדעסטער קלייניקייט געשלאָגן איבערן קאָפּ.

שערינסקי, קאָמענדאַנט פון דער געטאָ פּאָליציי, אַ משומד. ער האָט זיך באַצויגן מיט טיפן האַס און שנאה צו יידן. ער האָט זיך אַרומגערינגלט אין דער פּאָליציי מיט משומדים. דאָס איז געווען פאַר זיי אַ וועג צו קאַריערע, אַ קוואַל פון מאַטעריעלע איינקונפטן און אַ מעגלעכקייט צו שטילן זייער מאַכט גיריקייט.

שטערלינג, אַ משומד, אַפּיציר פון דער געטאָ פּאָליציי. אַ געוועזענער האָטעל אייגנטימער, אַ סאַדיסט, אַ ווילדע חיה בצורת מענטש. אַן אַטלעטישע געשטאַלט, גרויס, דיק און ברייט, מיט אַ קאַרק פון אַן אָקס, מיט אַ בייז פּנים, קליינע דורכ־דרינגלעכע אויגן און מיט אַ שפּיציק בערדל, וואָס האָט פּאַרדעקט זיין גוידער, איז ער באַקאַנט געווען אין געטאָ מיט זיין רציחה. ער האָט געשלאָגן נישט נאָר סתם יידן, נאָר אויך געטאָ פּאָליציאַנטן אויסצופירן רציחות. 73)

שאַיע גערטנער, געבוירן אין לאָדזש אין יאָר 1927, האָט באַלייגט אַ גבית־עדות. ער גיט איבער, צווישן אַנדערע, פּאָלגנדן עפּיזאָד, ווי אַזוי ער האָט געוואָלט אַריין אין לאָדזשער געטאָ. „כ׳בין אַזוי לאַנג געפּאָרן, (מיט אַ טראַמוויי) ביז כ׳האָב אָנגעטראָפן אַ פּאַסיקן מאָמענט. אָבער אַזאַ מנוול, אַ יידישער פּאָליציאַנט האָט מיך אָנגעכאַפּט פּאַרן קאָלנער און צוגעפירט צום דייטש. מ׳האָט מיך אָפּגעפירט אין געסטאַפּאָ אויף אנשטאט גאַס״. 74)

מלך נוישטאַט דערקלערט: „צווישן די ברייטע יידישע מאַסן און די געטאָ־פּאָליציאַנטן איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ דיקע מויער. די גאַנצע באַפעלקערונג פון יידישן קוואַרטאַל האָט זיך באַצויגן מיט טיפן האַס צו די דייטשע משרתים״. 75)

פּ אַ ר ר ע ט ע ר

אַ שענדלעכע ראָלע האָבן די פּאַררעטער אויסגעפירט אין דער צייט פון דער נאַצי עפּאָכע. זייער טעטיקייט איז באַשטאַנען אין צושטעלן ידיעות דער דייטשער מאַכט. די ידיעות זיינען געווען וועגן: געזעלשאַפטלעכע טוער, שטימונגען אין געטאָ, אָנווייזן די דייטשן ווו יידן האָבן באַהאַלטן סחורות און ווערטפולע זאַכן, פּאַרהאַלטן יידן ביי די באַן־סטאַציעס, אויסזוכן בונקערס מיט אויסבאַהאַלטענע יידן, קאַמפּס־באַוועגונג, אַגיטירן צווישן יידן צו פּאָרן אין די לאַגערן און ענלעכע.

די געסטאַפּאָ אַגענטין, די אַרטיסטן, פּראַנטשישקאַ מאַנוווּנאַ, די פרוי פון געטאָ פּאָליציאַנט ראַזענבערג, האָט באַלייגט אַ מסירה וועגן אַ אומלעגאַלע צייטונג אין וואַרשעווער געטאָ, דערביי איבערגעגעבן אַ נאָמענטלעכע רשימה פון געזעל־שאַפטלעכע טוער. אין רעזולטאַט דערפון זיינען 52 יידן, פּרייטיק אַפּריל 17, 1942, דורך דעם נאַצי רוצח בראַנד אַרעסטירט און דערשאָסן געוואָרן. 76)

ביים וואַרשעווער יודענראַט האָט עקזיסטירט אַ קולטור און קונסט דעפּאַרט־מענט אונטער דער אָנפירונג פון 75 יאָריקן ד״ר אַלפרעד נאָסיג. אין דער ווירק־לעכקייט האָט נאָסיג געפירט אַ קאָנפידענציאָנעלע טעטיקייט און צוגעשטעלט אינפאָרמאַציעס די דייטשן. אין איינקלאַנג מיטן באַשלוס פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָבן דעם טויט אורטייל איבער אים אויסגעפירט די געטאָ קעמפער: אברהם דרייער און פייוול שוואַרצשטיין. זיי האָבן ביי נאָסיגן אין טאַש געפונען אַן אָפּשריפט פון אַ מעמאָראַנדום צו די דייטשע מאַכט אָרגאַנען אין וועלכן ער קלערט אויף דעם דורכפאַל פונם גירוש פון יאַנואַר 1943, דערמיט וואָס די דייטשן האָבן אים אַדורכגעפירט מיט צופיל אכזריות. ער לייגט פאָר אויף ווייטער נישט אויפצופירן זיך אַזוי ברוטאַל, ווייל דאָס וועט אַרויסרופן אַקטיווערע אַקציעס פון די יידן״. 77)

„די רייכע סוחרים פון נאַוואַליפּקי גאַס און פון דער אומגעגנט, פון דעם טאָג אָן, וואָס מען האָט יאָסלען באַפרייט פון תפיסה, ווערן זיי בדיל הדל. די דייטשן

געפינען אויס די סחורה, וואָס איז דורך זיי אַזוי גוט פאַרשטעקט געוואָרן אין די קעלערס און אין די לעכער און מען ליידיקט זיי אויס די געשעפטן. דאָס איז יאָסלס אַרבעט. ער איז „זייערס" אַ מענטש . . . און יאָסל קאַפּאָטע ווערט ברייטער און לענגער פון צופרידנהייט. ער איז אַרומגערינגלט מיט אַ שטאָב פון אונטערוועלט יונגען, וואָס האָבן פון אים פּרנסה און ער פון זיי נוצן. זייער אויפגאַבע איז „אויסצושמעקן", ווו די סוחרים באַהאַלטן אויס זייערע סחורות און דאָס אים מודיע זיין. זיינע אַדיוטאַנטן, וועלכע באַקומען דערפאַר אַ געהעריקע באַלוינונג, גייען אַזוי אַריין אין זייער ראָל, אַז זיי טעראָריזירן די גאַנצע נאַלעווקעס, פראַנטשישקאַנער און געגנשע. אָפּגעהיטן זאָל ווערן דער מענטש, וואָס צאָלט זיי נישט קיין „קאָנטריבוציע". ער מעג זיך שוין געזעגענען מיט זיין געשעפט, און אָפּט אויך — מיט זיין לעבן". 78)

מיטן איינפירן די געטאָס איז פאַר יידן געווען פאַרבאָטן צו פאָרן מיט דער באַן. פאַר פאָרן מיט דער באַן האָט געדראָט טויט־שטראָף. נישט געקוקט אויף דעם פאַרבאָט זיינען יידן דאָך געפאָרן, ווייל זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפן פון די נעגל פון טויט. עס זיינען געפאָרן פאַרבינדונגס־מענער פון דער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג, עס זיינען געפאָרן יידן מיט שמוגל, בכדי צו פאַרדינען אויף ברויט און נישט שטאַרבן פון הונגער. עס זיינען געפאָרן אַנטלאָפענע פון טרעבלינקע און פון אַנדערע פאַרניכטונגס־לאַגערן.

ביי די באַן־סטאַציעס זיינען געשטאַנען דענונציאַנטן און געזוכט יידישע רייזנדע. ווער עס איז אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט איז איבערגעגעבן געוואָרן דער „געסטאַפּאָ". מער ווי טראַגיש איז געווען דאָס בריוול פון דער תפיסה פון בראָנקאַ גרינפעלד, אַ טאָכטער פון טשענסטאָכאָווער מורה־הוראה, אַז זי פאַלט אַלס קרבן צוליב די דענונציאַנטן. זי איז צוליב זיי פאַרהאַלטן געוואָרן אויף דער באַן־סטאַציע, אַוועקגעפירט געוואָרן אין דער תפיסה און שפּעטער דערשאָסן געוואָרן. 79)

וועגן אַ בונקער מיט אויסבאַהאַלטענע יידן אין טשענסטאָכאָוו איז געשריבן פאָלגנדעס: „אַ גרויסן רושם האָט געמאַכט דער פאַקט פון אַנטדעקן איינעם פון די גרעסטע בונקערס, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען 70 יידן. דער פאַקט האָט אַרויסגערופן גרויס פאַרביטערונג, ווייל דאָס איז געשען אַ דאַנק יידישע מוסרים". 80)

דער הויפּט־בונקער פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, מילע 29, איז אַנטדעקט געוואָרן דורך אַ ייד, וואָס האָט געדינט ביי די דייטשן. צוליב זיין פאַרראַט איז דער בונקער דורך די דייטשן פאַרניכטעט געוואָרן. 81)

„יידישע געהיים־אַגענטן האָבן „אויפגעקלערט", אַז די אַרויסגעשיקטע יידן ווערן אַוועקגעפירט אין די ראַנד געביטן, אויף יענער זייט בוג, אָדער טיפער קיין רוסלאַנד, וואו זיי וועלן זיך איינאָרדנען". 82)

די ראָלע פון דער געטאָ-פּאָליציי אין דער אויסזידלונגס-צייט

מלך נוישטאַדט דערקלערט: „פאַר די לייט פון אָרדנונגס־דינסט — די געטאָ־פּאָליציי, וועלכע האָט אַדורכגעפירט דעם גירוש כמעט ביזן סוף, האָט דאָס געדינט

אַלס מקור פאַר באַרייכערונג דורך אויספּרעסונגען און עס האָט זיי געגעבן מעג־לעכקייטן פאַר פייניקונגען, הפקר־טאַטן און אכזריותן. די דאָזיקע אייגנשאַפטן האָבן זיך נאָך אַנטוויקלט און געשטאַרקט אין די ווייטערדיקע עטאַפּן פון דער פאַרניכ־טונגס־אַקציע און אַרויסגעוויזן זיך אין פאַרמען פון פּראָסט פּשוטע רויבעריי און גענגסטעריי". „יענע וועלכע האָבן אין פאַרלויף פון די אַקופּאַציע יאָרן פאַרלוירן יעדן אדעאָלאָגישן אָנלען — נאָר אַזעלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער תליונישער אַקציע". 83)

בערנאַרד גאָלדשטיין אַלס עד־ראיה דערציילט: „פיינלעך איז געווען צו זען די יידישע פּאָליציי ביי אַזאַ פינסטערער אַרבעט, דאָס האַרץ האָט באַזונדערס געקלעמט און די אויגן זיינען פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן, ווען איך האָב דערזען אין די רייען פון די יידישע יעגער הינט אויך אָנגעשטעלטע פון דער קהילה מיט די זעלביקע אָרעם־בענדער „געהילף־אויסזידלונג". 84)

פייגעלע פעלטעל־מיענדזישעצקי שרייבט אין איר בוך, אַז: „מיט אַ זיכערקייט פון אויסדערוויילטע האָבן די יידישע פּאָליציאַנטן מיט רוגזה געשלעפּט פון די שטובן אַלטע לייט, קראַנקע און קינדער". 85)

קאַפּ־טעאָריע

אין אַלע געטאָס און לאַגערן פלעגט מען הערן פון יודענראַטלער, געטאָ־פּאָלי־ציאַנטן, קאַפּאָס און פאַראַרבעטער דעם פּזמון „איך וועל נישט געבן דעם קאָפּ פאַר דיר". אונטער דעם „פּזמון" איז געלעגן אַ טייוולאָנישער, נאַצישער, פסיכאָ־לאָגישער מאַנעוור, וואָס האָט פאַר׳חיה׳שט און פאַרווילדעט די געטאָ און לאַגער מאַכט אָרגאַנען — די לומפּאַקראַטן־סערוויליסטן. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן די געטאָ און לאַגער מאַכט־אָרגאַנען אין דער הונדערט־פּראָצענטיקער אויספירונג פון די נאַצי־באַפעלן.

אין דעם פאַל, ווען עס האַנדלט זיך וועגן די געטאָ פּאָליציי — אין דער צייט פון אויסזידלונגען — איז יעדער פּאָליציאַנט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר צושטעלן אַ באַשטימטע צאָל „קעפּ" (יידן הייסט עס) אויב נישט באַצאָלט ער אַליין מיט זיין „קאָפּ".

וולאַדקע שרייבט, אַז ביים אַרויסשמוגלען זיך פון וואַרשעווער געטאָ איז זי פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ זשאַנדאַרם .זי איז באַוואַכט געוואָרן דורך אַ יידישן פּאָליציאַנט. וולאַדקע ווענדעט זיך צום יידישן פּאָליציאַנט:

„ — דער דייטש איז נישטאָ, לאָז מיך נעלם ווערן.

יענער קוקט מיך אָן און וווּנדערט זיך אויף מיין חוצפּה.

— וואָס מיינסטו, כ׳וועל מיין קאָפּ אַוועקגעבן פאַר דיר?". 86)

וועגן אַ שוידערלעכן עפּיזאָד גיט איבער בערנאַרד גאָלדשטיין: „בכדי צו ראַטעווען דעם אייגענעם קאָפּ האָט דער יידישער פּאָליציאַנט געמוזט אָפּהאָקן זיבן פרעמדע קעפּ, ברענגען אויפן אויסראָטונגס־מזבח וועמען נאָר ער כאַפּט — קרובים, אייגענע פאַמיליע, אַפילו אייגענע טאַטע־מאַמע. יאָ: צענדליקער אַזעלכע פאַלן זיינען

געוועז, ווען אַ יידישער פּאָליציאַנט, כדי צו ראַטעווען זיך, האָט געפּירט צו דער שחיטה זיין אייגענע אַלטע מוטער (דער תירוץ איז געווען — מ׳וועט דאָך זי סיי־ווי אומברענגען״. 87)

פאַר די צוקונפטיקע דורות און אַפילו פאַרן היינטיקן דור, וואָס האָט נישט אַדורכגעמאַכט די טראַגישע פּיין און צרות אונטער דער נאַצי־הערשאַפט און זייערע דינער — די לומפּאַקראַטן־סערווילּיסטן — איז שווער צו באַנעמען אַזאַ ווילדער באַבאַריזם. דער עפּיזאָד קען אויך אַרויסרופן צווייפל, ווייל עס זיינען נישט אָנגע־געבן געוואָרן קיין נעמען פון די געוויסנלאָזע געטאָ־פּאָליציאַנטן, דעריבער איז נויטיק צו ברענגען פאַקטן און נעמלעך: פון אָטוואָצקער און מעזריטשער געטאָ.

אָ ט װ אָ צ ק

„די יידישע געטאָ פּאָליציי האָט באַקומען דעם באַפעל צונויפצוטרייבן אַלע יידן צום באַן־פּלאַץ אויף דער גורנע גאַס. די יידישע פּאָליציי האָט דאָס אויס־געפירט און דער קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־פּאָליציי, בערנאַרד קראַנענבערג, האָט אַלס באַווייז פון הונדערט פּראָצענטיקער אויספירונג פון באַפעל אַליין געבראַכט זיין אייגענעם טאַטן״. 88)

מ ע ז ר י ט ש

„דער יידישער אָרדנונגס־דינסטמאַן, שמעון גאָלדמאַן, באַרואיקט זיין מוטער, וועלכע זיצט בלויז אין שלאַפראָק, אַז זי זאָל זיך ניט זאָרגן, ער וועט איר אין אַ פּאָר טעג אַרום אַרויסשיקן דורך דער פּאָסט אַ פּאַקעט מיט קליידער״. 89)

א ו י ס נ אַ מ ע ן

אין פּרינציפּ דאַרפט פעסטגעשטעלט ווערן, אַז די לומפּאַקראַטן־סערווילּיסטן האָבן אין דער נאַצי־עפּאָכע דערפילט אַ נעגאַטיווע, שענדלעכע ראָלע אין באַצוג צום יידישן פאָלקס־גורל.

פאַרן היסטאָרישן אמת דאַרפט אויך פעסטגעשטעלט ווערן, אַז אויסנאַמען זיינען געווען פון מיטגלידער אין די יודענראַטן, געטאָ פּאָליציי ווי אויך צווישן די אָנפירער אין די לאַגערן, וואָס זיינען נישט פאַרשיכורט געוואָרן פון גייסטיקן שגעון און טריי געבליבן זייערע פאָלקס־אויפגאַבן.

מיטגלידער אין די יודענראַטן

דער וויצע־פאָרזיצער פון ביאַליסטאָקער יודענראַט אינזשיניער אפרים באַראש האָט מיטגעאַרבעט מיט דער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג. ער האָט צוגעשטעלט טעכנישע מיטלען און דערמיט מעגלעך געמאַכט אַ געהיימע פּראָדוקציע פון האַנט־גראַנאַטן און אויפרייס־שטאָפן פאַר דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע צום ווידערשטאַנדס־קאַמף קעגן דער נאַצי־מאַכט. מיט זיין וויסן און הסכמה האָט די ווידערשטאַנדס־באַוועגונג, אין אַפּריל 1943, אַדורכגעפירט אַן אַקציע אויפן הויפּט מאַגאַזין פון יודענראַט, צונעמענדיק עטלעכע פורן לעבנסמיטל״. 90)

מלך נוישטאַט שרייבט וועגן אברהם געפּנער פּאָלגנדעס:

„דער איינציקער, וואָס פאַרדינט אַ בכבודיקע אויסטיילונג פון דער דאָזיקער אָרגאַניזירטער קליקע, איז געווען אברהם געפּנער, וועלכער האָט ביזן סוף איינגעהיט זיין אומאָפּהענגיקייט און ערלעכקייט. ער האָט פינאַנציעל אונטערשטיצט די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, זאַמלענדיק לטובת איר גרויסע געלט־סומען. 91)

בערנאַרד קורלאַנד איז געווען אַ מיטגליד פון יודענראַט אין טשענסטאָכאָוו. ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז דער יודענראַט זאָל אַסיגנירן אַ באַדייטנדע סומע פאַר ברויט פאַר די הונגעריקע צוואַנגס־אַרבעטער און פאַר דעם געלט זאָל איינגעקויפט ווערן געווער פאַר דער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג. בערנאַרד קורלאַנד האָט ביי סעלעקציעס אַרויסגעראַטעוועט פון טויט אַ סך מענטשן אונטערן אויסרייד, אַז זיי זיינען די בעסטע פאַכלייט. ער האָט מיטגעהאָלפן יידן, וואָס האָבן געוואָלט אַנטלויפן פון קליינעם געטאָ דורך שיקן זיי צו אַזעלכע אַרבעטס־פּלעצער, פון וועלכע זיי האָבן געקענט פאַרשווינדן אומבאַמערקבאַר. 82)

געטאָ־פּאָליציי

מלך נוישטאַט שרייבט: „אין די רייען פונעם אָרדנונגס־דינסט זיינען געווען אַזעלכע, וואָס די גרוילן פון דער גירוש אַקציע האָבן זיי אויפגעטרייסלט און זיי האָבן נישט געוואָלט מיטמאַכן די געמיינע תליונישע אַרבעט. געוויסע פון צווישן זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך העלדישקייט, אָפּראַטעווענדיק צענטליקער פרויען און מענער פונעם „אומשלאַג־פּלאַץ". די מסירות נפש פון די דאָזיקע מענטשן האָט זיך דאָס רוב געענדיקט מיט זייער טויט פון אַ דייטשער קויל. אַזאַ איז געווען דער גורל פונעם פּאָליציאַנט קאַפּלאַנסקי און פון נאָך אַנדערע". „רעגינקע שניידערמאַן, אַ חבר׳טע פון השומר־הצעיר, וועלכע האָט אין געטאָ זיך באַטייליקט ביים פאַר־שפּרייטן די אומלעגאַלע שומרישע פּרעסע, האָט דאָס ביסל געווער אַריינגעלייגט אין אַ קויש און איז פאַרנאַכטלעך אַוועק פון מילע אויף דזשעלנע 34. זי האָט אויסגעקליבן אַ גוטע צייט, ווען די דייטשן פלעגן זיך נישט דרייען אין די גאַסן, אָבער צום אומגליק איז צופעליק פאַרבייגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל מיט דייטשן און זיי האָבן זי נאָכגעיאָגט און געכאַפּט מיטן געווער. מען האָט זי אַריינגעזעצט אין דער פאַוויאַק טורמע, אָבער די דייטשן איז נישט געלונגען אַרויסצובאַקומען פון איר קיין נאָמען. ביים אָפּשלוס פון דער גירוש־אַקציע האָט מען זי אַוועקגעפירט צום „אומשלאַגפּלאַץ", אָבער היימישע פּאָליציאַנטן האָבן זי אַרויסגעראַטעוועט". 93)

בערנאַרד גאָלדשטיין שרייבט וועגן געטאָ העלד, אַבראַשאַ בלום, וועלכער איז אומגעקומען אין העראָישן קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, אַז אין יאָר 1942 איז ער געכאַפּט געוואָרן צום „אומשלאַגפּלאַץ". עס איז אים דעמאָלט געלונגען צו אַנטלויפן אַ דאַנק דעם יידישן געטאָ פּאָליציאַנט מערענהאָלץ. 94)

מאַקס קויפמאַן פון לעטלאַנד דערקלערט: „ווען אַ יידישע פּאָליציי איז געשאַפן געוואָרן האָט דער ריגער יובילער, מיכאל ראָזענטאַל, איבערגענומען די אָנפירונג. ער האָט זיך באַמיט צו האַלטן דיסציפּלין און איז זיך באַגאַנגען אָנשטענדיק און קאָרעקט". 95)

קאָנצענטראַציע־לאַגערן

די זעלבע דערשיינונג איז געווען אין פֿאַרשידענע לאַגערן. רבקה קוויאַטקאָווסקאַ גיט איבער אַ רעדע, וואָס אַ שטובן־עלטסטע מיטן מערקווירדיקן, ביבלישן, נאָמען רות האָט געהאַלטן אין שטוטהאפער קאָנצענטראַציע־לאַגער: „שוועסטער מיינע... אויב אין אונדזער שטוב זיינען דאָ עלטערע פרויען, זאָלט איר אָפּגעבן דרך־ארץ, אָפּטרעטן אַ גוט אָרט אויפֿן שטרוי־זאַק, צולאָזן עסן אָן אַ רייע... געדענקט, אַז אין אונדזער טראַדיציע גיט מען פון שטענדיק אָפּ כבוד די עלטערע. מיר מוזן אויסבאַהאַלטן די שוואַכע, די קראַנקע, די יוגנטלעכע, האַלטן זיך שטאָלץ און מוטיק. אונדזער פאָלק האָט אַ סך שווערע צייטן מיטגעמאַכט און נישט בלויז אַ פאָלק געבליבן, נאָר עם־הספר. מיר וועלן דאָס אויך איבערקומען״. 97)

* * *

אין דער אַלגעמיינער פינסטערניש אין דער נאַצי־עפּאָכע האָבן אויך געשיינט דינע ליכטיקע שטראַלן.

די דינע ליכטיקע שטראַלן זיינען פֿאַרשטעלט געוואָרן מיט שווערע, טונקעלע וואָלקנס, וואָס האָבן פֿאַרפינסטערט, פֿאַרביטערט, צעשטערט דאָס סאָציאַל־עטישע לעבן און חרוב געמאַכט דעם יידישן פֿאָלקס־אָרגאַניזם.

די דינע ליכטיקע שטראַלן האָבן געשטורעמט די שווערע טונקעלע וואָלקנס, מיט איבערנאַטירלעכע קרעפטן געקעמפט קעגן די רשעות׳דיקייט און געפירט אַ העראָישן געראַנגל מיט אַלע בייזע כוחות.

די דינע ליכטיקע שטראַלן האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין ברויזנדע פֿאַקלען און אין מעטעאָרן ביז זיי זיינען אויסגעגאַנגען ווי צאַנקנדיקע, אויסגעברענטע ליכט.

די דינע ליכטיקע שטראַלן זיינען נישט געווען אימשטאַנד אָפּצוהאַלטן די בלוטיקע רציחות און נישט געקענט ענדערן די סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן.

מאַטעריאַל קוועלן

1) ט. טיקאטשינסקי. „וואַלוווקע״. „בלעטער פאַר געשיכטע״, וואַרשע 1948, באַנד 1, העפטן 4־3, זייט 207.

2) אינזשיניער ה. ראָזען. „אַנקעטע״. „בלעטער פאַר געשיכטע״ וואַרשע 1948, באַנד 1, העפטן 4־3, זייט 195.

3) ד״ר הלל זיידמאַן, „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ״, בוענאָס־איירעס 1947, זייט 155.

4) אברהם לעווין. „פונעם געטאָ־טאָג־בוך״. „בלעטער פאַר געשיכטע״. וואַרשע אָקטאָבער־דעצעמבער 1952. באַנד 5, העפט 4, זייט 35.

5) ישראל טאַבאַקסבלאַט. „חורבן־לאָדזש״. בוענאָס־איירעס 1946, זייט 78.

6) יעזשי ווינקלער. „דאָס געטאָ קעמפט קעגן ווירטשאַפטלעכער פאַרקנעכטונג״. „בלעטער פאַר געשיכטע״, וואַרשע 1948, באַנד 1, העפטן 4־3, זייטן 40—3.

7) נח גריס. „קינדער מאַרטירלאָגיע״, בוענאָס איירעס 1947, זייט 239.

8) לענא קיכלער. „מיינע קינדער״, פאַריז 1948, זייט 102.

9) יאָנאָס טורקאָוו. „אַזוי איז עס געווען״, בוענאָס־איירעס 1948, זייט 127.

10) יעקב פּאַט. „הענעך״, בוענאָס־איירעס 1948, זייט 27.

11) הלל זיידמאַן. „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ״, בוענאָס־איירעס 1947, זייטן 158־157.

12) בערנאַרד גאָלדשטיין. „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ״. ניו־יאָרק 1947, זייטן 254־253.

13) גבית־עדות פון יוסף מאַרקאָווסקי. באַמבערג 1948.

14) בערנאַרד גאָלדשטיין. „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ״, ניו־יאָרק 1947, זייט 176.

15) איביד, זייט 253.

16) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ. „פון לאַגער צו לאַגער״, בוענאָס־איירעס 1950, זייט 19.

17) לוי שאַליט. „אַזוי זיינען מיר געשטאָרבן״. מינכן 1949, זייט 62.

18) יאָנאָס טורקאָוו. „אַזוי איז עס געווען״, בוענאָס־איירעס 1948, זייט 401.

19) טוביה באַזשיקאָווסקי. „צווישן פאַלנדיקע ווענט״. וואַרשע 1949.

20) ד״ר הלל זיידמאַן. „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ״. בוענאָס־איירעס 1947, זייטן 87־86.

21) בנימין אָרענשטיין. „ווירקלעכקייט״. באַמבערג 1948, זייט 55.

22) איביד, זייט 45.

23) גבית־עדות פון אליהו גאָלדבערג. מאָנטרעאל 1951.

24) פּערזענלעכע אָבסערוואַציעס פון מחבר, וועלכער איז געווען אַלס צוואַנגס־אַרבעטער און פּאָליטישער אַרעסטאַנט אין לאַגערן פון פאָלגנדע טיפּן: א) אַרבעטס־לאַגער, ב) צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגער, ג) קאָנצענטראַציע־לאַגער טיפּ „א״ און ד) קאָנצענטראַציע־לאַגער טיפּ „ב״.

25) י. הירשהויט. „פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק״. בוענאָס־איירעס 1948, זייט 26.

26) צום דערקלערן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן טיפּן „ג״ און „ד״ (טויט־לאַגערן) האָט זיך דער מחבר באַנוצט מיט פאָלגנדע ביכער און גביות־עדות: ד״ר פיליפּ פרידמאַן. „אָשוויענטשים. בוענאָס־איירעס 1950.

מרדכי שטריגלער. „פאַבריקן פון טויט״. בוענאָס־איירעס 1948.

שמחה פאַלאַקעוויטש. „אַ טאָג אין טרעבלינקע״. בוענאָס־איירעס 1948.

גבית־עדות פון יוסף מאַרקאָווסקי, (מאַידאַנעק).
גבית־עדות פון מאַניאַ לעשטשיק (אוישוויץ).

27) ישראל טאַבאַקסבלאַט. „חורבן לאָדזש". בוענאָס־איירעס 1946, זייט 58.

28) יוסף גאַר. „אומקום פון דער יידישער קאָוונע". מינכן 1948, זייט 86.

29) טאַניאַ פוקס. „אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן". בוענאָס־איירעס 1947, זייט 153.

30) ד"ר הלל זיידמאַן. „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ", בוענאָס־איירעס 1947, זייט 54.

31) לענא קיכלער. „מיינע קינדער", פּאַריז 1948, זייט 189.

32) יאָנאָס טורקאָוו. „אַזוי איז עס געווען". בוענאָס־איירעס 1948, זייט 129.

33) צריין. „די לעצטע נאַכט", אָפּהאַנדלונג אין דער אויסגאַבע „אונדזער יאָרצייט". באַמבערג 1948, זייט 17.

34) בנימין אָרענשטיין. „חורבן אָטוואָצק, פאַלעניץ, קאַרטשעוו". באַמבערג 1948. זייט 29.

35) ד"ר עמנואל רינגעלבלום. אַנקעטע „בלעטער פאַר געשיכטע", וואַרשע 1948, באַנד 2, העפטן 4־1, זייטן 287־286.

36) ישראל טאַבאַקסבלאַט. „חורבן־לאָדזש". בוענאָס־איירעס 1946, זייט 66.

37) מלך נוישטאַט. „חורבן און אויפשטאַנד פון די יידן אין וואַרשע". ניו־יאָרק 1948, זייט 136.

38) ד"ר פיליפּ פרידמאַן. „אָשוויענטשים", בוענאָס־איירעס 1950, זייט 94.

39) איביד, זייט 102.

40) גבית־עדות פון מחבר.

41) ד"ר י. א. מעריסאָן. „פיזיאָלאָגיע". ניו־יאָרק 1914, זייט 6.

42) דער מחבר איז געווען צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע קאַצעטלער 8 מעת־לעת, אין וואַגאָנען, אָן עסן און אָן וואַסער.

43) אליהו גאזשאַנסקי. „דער מענטש האָט געזיגט". וואַרשע 1949, זייט 159.

44) בנימין אָרענשטיין. „חורבן אָטוואָצק, פאַלעניץ, קאַרטשעוו". באַמבערג 1948, זייט 12.

45) בנימין אָרענשטיין. „חורבן טשענסטאָכאָוו". באַמבערג־מינכן 1948, זייטן 66־65.

46) מרדכי שטריגלער. „אין די פאַבריקן פון טויט". בוענאָס־איירעס, 1948, זייטן 53־52.

47) א. איזען. „דאָס גייסטיקע פּנים פון געטאָ", מעקסיקאָ 1950, זייטן 47־46.

48) אינזשיניער ה. ראָזען. „אַנקעטע", בלעטער פאַר געשיכטע. וואַרשע 1948, באַנד 1, העפטן 4־3, זייט 195.

49) יאָנאָס טורקאָוו. „אַזוי איז עס געווען". בוענאָס־איירעס 1948. זייטן 130־120.

50) מלך נוישטאַדט. „חורבן און אויפשטאַנד פון די יידן אין וואַרשע". ניו־יאָרק 1948, זייט 27.

51) נח גריס. „קינדער מאַרטיראָלאָגיע". בוענאָס־איירעס 1947, זייט 241.

52) לענאַ קיכלער. „מיינע קינדער". פּאַריז 1948, זייטן 184־183.

53) בנימין אָרענשטיין. „חורבן טשענסטאָכאָוו". באַמבערג־מינכן 1948, זייט 64.

54) שמחה פּאַלאַקעוויטש. „אַ טאָג אין טרעבלינקע", בוענאָס־איירעס 1948. זייטן 14־13.

55) יאָנאָס טורקאָוו. „אַזוי איז עס געווען", בוענאָס־איירעס 1948, זייטן 285־284.

(56) ב. מאַרק. „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", מאָסקווע 1947, זייט 79.

(57) יאָנאַס טורקאָוו. „אַזוי איז עס געווען", בוענאָס־איירעס 1948, זייט 50.

(58) ד"ר סעמועל גרינגאוז. „דזשואיש סאָשל סטאַדיס", יאַנואַר 1949, נומער 1.

(59) ד"ר פּאַוועל ווידערמאַן. „די בלאָנדע בעסטיע", פראַנקפורט 1947, זייט 180.

(60) ד"ר פיליפּ פרידמאַן. „דער משיח קאָמפּלעקס פון אַ געטאָ דיקטאַטאָר", „קולטור און דערציאונג", פעברואַר 1950, נומער 2.

(61) אברהם אייזען. „דאָס גייסטיקע פנים פון געטאָ", מעקסיקאָ 1950, זייטן: 46, 47 און 62.

(62) נחמן בלומענטאַל. „די יידישע שפּראַך אין קאַמף קעגן נאַצי־רעזשים", „בלעטער פאַר געשיכטע", וואַרשע 1948, באַנד 1, העפטן 4־3, זייטן 116־115.

(63) איביד.

(64) בערל מאַרק. „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", מאָסקווע 1947, זייט 78.

(65) אהרן טווערסקי. „איך בין דער קרבן און דער עדות". ניו־יאָרק 1947, זייט 35.

(66) ב. מאַרק. „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", מאָסקווע 1947, זייט 12.

(67) יאָנאַס טורקאָוו. „אַזוי איז עס געווען", בוענאָס־איירעס 1948, זייטן 1,19־118.

(68) ב. מאַרק. „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", מאָסקווע 1947, זייטן 30־13.

(69) בערנאַרד גאָלדשטיין. „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ", ניו־יאָרק 1947, זייט 163.

(70) ד"ר הלל זיידמאַן. „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ", בוענאָס־איירעס 1947, זייט 218.

(71) יאָנאַס טורקאָוו. „אַזוי איז עס געווען". בוענאָס־איירעס 1948, זייטן 157־156.

(72) ישראל טאַבאַקסבלאַט. „חורבן לאָדזש", בוענאָס־איירעס 1946, זייט 52.

(73) די דריי טיפּן: לייקין, שערינסקי און שמערלינג, זיינען באַזירט אויף די ביכער: ד"ר קערמיש, „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", בוענאָס־איירעס 1948; טוביה באָזשיקאָווסקי, „צווישן פאַלנדיקע ווענט", וואַרשע 1949; מלך נוישטאַט, „חורבן און ווידערשטאַנד פון די יידן אין וואַרשע", ניו־יאָרק 1948; יאָנאַס טורקאָוו, „אַזוי איז עס געווען", בוענאָס־איירעס 1948.

(74) נח גריס. „קינדער מאַרטיראָלאָגיע", בוענאָס־איירעס 1947, זייט 206.

(75) מלך נוישטאַט. „חורבן און ווידערשטאַנד פון די יידן אין וואַרשע". ניו־יאָרק 1948, זייט 48.

(76) יאָנאַס טורקאָוו. „אַזוי איז עס געווען", בוענאָס־איירעס 1948, זייטן 173, 174 און 175.

(77) איביד, זייטן 430, 470.

(78) איביד, זייט 148.

(79) בנימין אָרענשטיין. „חורבן טשענסטאָכאָוו", באַמבערג־מינכן 1948, זייט 77.

(80) איביד, זייט 102.

(81) טוביה באָזשיקאָווסקי. „צווישן פאַלנדיקע ווענט". וואַרשע 1949, זייט 290.

82) מלך נוישטאַדט. „חורבן און ווידערשטאַנד פון די יידן אין וואַרשע״. ניו־יאָרק 1948, זייט 81.

83) איביד, זייטן 81 און 83.

84) בערנאַרד גאָלדשטיין. „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ״. ניו־יאָרק 1947, זייטן 262־263.

85) פייגעלע פעלטעל־מיענדזיזשעצקי. „פון ביידע זייטן געטאָ־מויער״, ניו־יאָרק 1948, זייט 43.

86) איביד, זייט 99.

87) בערנאַרד גאָלדשטיין. „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ. ניו־יאָרק 1947, זייט 273.

88) בנימין אָרענשטיין. „דער אומקום פון אָטוואָצקער, פאַלעניצער און קאַר־טשעווער יידנטום״, וואָכנשריפט „איבערגאַנג״, נר. 25 (75), מינכן, אויגוסט 20, 1948.

89) מ. י. פייגנבוים. „פּאָדלאַשע אין אומקום״, מינכן 1948, זייט 141.

90) רפאל רייזנער. „דער אומקום פון ביאַליסטאָקער יידנטום. מעלבורן 1948, זייטן 151־152.

91) מלך נוישטאַדט. „חורבן און ווידערשטאַנד פון די יידן אין וואַרשע״. ניו־יאָרק 1948, זייט 152.

92) בנימן אָרענשטיין. „חורבן און ווידערשטאַנד פון טשענסטאָכאָווער יידנטום״, „ייוואָ־בלעטער״, ניו־יאָרק 1953, באַנד 37, זייט 303.

93) מלך נוישטאַדט. „חורבן און ווידערשטאַנד פון די יידן אין וואַרשע״. ניו־יאָרק 1948, זייט 152.

94) בערנאַרד גאָלדשטיין. „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ״. ניו־יאָרק 1947, זייט 220.

95) מאַקס קויפמאַן. „חורבן לעטלאַנד״. מינכן 1947, זייט 83.

96) ד״ר הלל זיידמאַן. „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ״. בוענאָס־איירעס 1947, זייט 15.

97) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ. „פון לאַגער צו לאַגער״. בוענאָס־איירעס 1950, זייט 98.